STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06359

F. BIMKO

Aron Bekerman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן בעקערמאַן

פ. בימקאָ

דער דראַמאַטורג
און רעאַליסט

ניו יאָרק, 1944

געזעצט און געדרוקט אין טויזנט עקזעמפלאַרן, אין דער דרוקערײַ
פון פּאָזי־שאולזאָן, 19 וועסט 21טע גאַס, ניו־יאָרק 10, נ. י. אין
דעם יאָר נײַנצן הונדערט פיר און פערציק.

Printed in U. S. A.

פאָרוואָרט

מיטן אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך, באַערט דער צוויַיג אונדזער חבר, דעם טאַלאַנטפולן דראַמאַטורג און נאָוועליסט, דעם באַליבטן, שטילן און באַשיידענעם פישל בימקאָ.

זעלטן ווען ס׳גיט זיך איין, אין אונדזערע קרייזן פון פאַרבאַנד, אויסצודריקן חברשע אָנערקענונג צו אַ יידישן שרייבער אויף אַ בעסערן אופן, ווי צו ברענגען צום ברייטן יידישן לייענער־עולם, אין בוכפאָרם, אַן אָפשאַצונג פון זיינע שאַפונגען.

פ. בימקאָ טוט זיין אַרבעט שטיל און באַשיידן, שטופּט זיך נישט אויבן־אָן, און דערפאַר האָבן מיר, חברים פון צוויַיג, דעם געפיל פון באַזונדערע צופרידענקייט, וואָס אונדז איז געגעבן געוואָרן דער כבוד אָפּצודרוקן אַ בוך, וואָס שאַצט אָפּ זיין שרייבן, זיין ליטעראַריש־קינסטלעריש שאַפן.

די אָפּשאַצונג פון אונדזער חבר פ. בימקאָס ליטעראַרישע שאַפונגען, האָט אונדז צוגעשיקט דער שריפטשטעלער, קריטיקער און עסעאיסט, אהרן בעקערמאַן, מחבר פון אַזעלכע גרויסע ווערק ווי „דאָסטאָיעווסקי, זיין לעבן און שאַפן״, „אַנאַטאָל פראַנס״, „ה. לייוויק״, „ברוך גלאַזמאַן״ און פיל קלענערע אַרבעטן, — פון פּאַריז, אין דער ביטערער צייט פון דער מלחמה.

ער שרייבט:

...ווען די שורות ווערן געשריבן, געפינט זיך אייראָפּע אין סאַמע קאָנוואַלסיון קאַמף, אין סאַמע קריטישן מאָמענט אירן, און דער שרייבער פון דער דאָזיקער בימקאָ־אַרבעט, ווערט אויפסניי אַריינגעצויגן אין בלוטיקן קאַראַהאָד... ווען די דאָזיקע אַרבעט וועט דער שיינען אויף דער ליכטיקער וועלט, וועט דער גורל פון אייראָפּע און מיין אייגענער גורל זיין אויסגעשפּילט. וויל איך דערויבער, אַז די דאָזיקע שורות זאָלן בלייבן ווי אַ צייט־דאָקומענט. ס׳איז דאָך מעג־

לעך, איבערהויפּט אין דער ליטעראַטור, אַז דער מענטש פֿאַרגייט אָבער זיין וואָרט באַשטייט. אויב דאָס דאָזיקע וואָרט וועט באַשטיין און זיין עכאָ וועט דערגרייכן דעם מחבר אויף זיין אַלט־נייעם וועג פֿון לעבנס־נסיונות — וועט עס זיין די הויפּט־באַפרידיקונג.

און דאַרום זענען מיר צוגעטרעטן, מיר, פּשוטע יידישע פֿאָלקס־מענטשן, צו דער דאָזיקער אַרבעט פֿון אַרויסגעבן דאָס בוך, מיט אַ באַזונדערן אינערלעכן ציטער. זאָל דער בוך זיין אַ דערמוטיקונג ניט נאָר צו אונדזער ליבן פּ. בימקאָ, נאָר אויך צום שריפטשטעלער אהרן בעקערמאַן, וואָס טיילט איצט דעם גורל פֿון אַלע יידן אין נאַ־צישן אייראָפּע, — און וואָס האָט אונטער דעם האַגל פֿון באָמבעס, פֿייער און שווערד, געפֿונען מוט צו געבן אַן אָפּשאַצונג פֿון אַ יידישן שרייבער, ווייל ער האָט דעם גרויסן בטחון אין דעם כוח פֿונעם יידישן וואָרט.

די עקזעקוטיווע פֿון יצחק אייזיק הורוויץ צווייג 10,
יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פֿאַרבאַנד.

אָנשטאָט אַ הקדמה

די פּאַרליגנדיקע אַרבעט איבער בימקאָס שאַפֿן, איז פֿאַרטיק געוואָרען ערב דעם אָנהייב פֿון דער טאָטאַלער מלחמה פֿון צענטן מאַי, 1940. די דאַטע, וואָס וועט אַריין אין דער געשיכטע, אַלס דער אָנהייב פֿון גיגאַנטישן קאַמף צווישן דער מאָטאָריזירטער באַרבאַריי און — דעם איבעריקן טייל פֿון אייראָפּע. ווען די שורות ווערן געשריבן, געפֿינט זיך אייראָפּע אין סאַמע קאָנוואָלסיון קאַמף, אין סאַמע קריטישן מאָמענט, און דער מחבר פֿון דער דאָזיקער בימקאָ־אַרבעט ווערט אויפֿסניי אַריינגעצויגן אינעם בלוטיקן קאַראַהאָד, וואָס פֿאַרשלינגט גענעראַציעס גאַנצע. ווען די דאָזיקע אַרבעט וועט דערשיינען אויף דער ליכטיקער וועלט, וועט שוין, וואָרשיינלעך, דער גורל פֿון אייראָפּע און מיין אייגענער גורל זיין אויסגעשפּילט. ווייל איך דעריבער, אַז די דאָזיקע שורות זאָלן בלייבן ווי אַ צייט־דאָקומענט. ס'איז דאָך מעגלעך אין דער ליטעראַטור, אַז דער מענטש פֿאַרגייט, אָבער דאָס וואָרט באַשטייט. אויב דאָס דאָזיקע וואָרט וועט באַשטיין און זיין עכאָ וועט דערגרייכן דעם מחבר אויף זיין אַלטבייעם וועג פֿון נסיונות — וועט עס זיין די הויפּט־באַפֿרידיקונג. ווייל די דאָזיקע בימקאָ־אַרבעט, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אין יענע „גליקלעכע" צייטן פֿון אָנהייב אויגוסט, 1939, איז אָבער אינגאַנצן באַאַרבעט געוואָרן אין ערשטן מלחמה־פּעריאָד. כמעט נאָך אין אירע „שטילע" צייטן, ווען פֿון קיין בליץ־קריג האָט מען נאָך ניט געוואוסט אויפֿן מערבדיקן טייל פֿון אייראָפּעאישען קאָנטינענט. אין יענע „רואיקע" צייטן, פֿילנדיק, אַז עס רוקט זיך אָן דער אומפֿאַרמיידלעכער שטורעם, האָב איך צוגעאיילט מיט דער בימקאָ־אַרבעט, און דערפֿון זענען וואָרשיינלעך אַרויסגעקומען שוואַכקייטן און בלויזן, — אָבער איך האָב אַנדערש נישט געקענט אונטער די

שווערע באַדינגונגען. איך האָב, ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, געוואָלט די אַרבעט מאַכן, דערפילן אַ שרייבערישן חוב לגבי איינעם פון אונדזערע בעסטע דראַמאַטישע טאַלאַנטן אין דער יידישער ליטעראַטור.

פּאַריז, 17טן מאַי, 1940

דער פֿאָלקס־מענטש

א

ער שטייט שוין אויפֿן שוועל פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט לעבן און פֿון אַ דרייצענדליק יאָר שאַפֿן, אַט־דער טעמפּעראַמענטפֿולער פּישל בימקאָ. זינט דעם 28טן דעצעמבער 1890, ווען פּ. בימקאָ האָט צום ערשטן מאָל אויף דער וועלט אַ בליק געטאָן, אין דער פּוילישער פּראָווינץ שטאָט קעלץ — זעגען שוין אַ סך וואַסערן אָפּגעלאָפֿן. די וועלט האָט זיך שוין אַ היפּש ביסל געענדערט און ער האָט נישט ווייניק מיטגעמאַכט דעם קאַראַהאָד פֿון דער צייט, די קאָנוואַלסיעס פֿון אונדזער געבענטשטן יאָרהונדערט, מיט אַלע מלחמות, רעוואָלוציעס, פֿעלקער־קאַטאַקליזמען, איבערשאַצונגען פֿון מענטשלעכע ווערטן, פֿון עטישע און מאָראַלישע פּרינציפּן, קורץ — אַלץ, וואָס אַ מענטש פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קומט אויס מיטצומאַכן.

פּ. בימקאָ איז אָבער פֿון אַ סך שווערע לעבנס־נסיונות, וואָס וואַרצלען אין דער צייט און אָרט, ניט אַרויס קיין גייסטיק צעבראָכענער, ווי אַ סך אַנדערע מענטשן פֿון זיין צייט, נאָר פֿאַרקערט: אַ געלייטערטער איז ער אַרויס פֿון די אַלע איבערלעבונגען, און ניט נאָר אַ געלייטערטער, נאָר אַ באַרייכערטער מיט פֿולע אוצרות קינסטלערישן שאַפֿן. ער, בימקאָ, קלייבט, זינט די דרייצענדליק יאָרן, זיינע פּערל, בינדט זיי צונויף און — טראָגט אונדז אונטער פֿון צייט צו צייט פּאַרטיקע בענדער דראַמעס, דערציילונגען. אמת, ניט אַלץ וואָס בימקאָ טראָגט אונדז צו איז תמיד גענוג און געזונט צו פֿאַרדייען. פֿאַראַן צווישען זיינע צאַלרייכע דראַמעס, זאַכן, וואָס מאַכן אייליק די ציין און רופֿן אַרויס אַ גרימאַסע פֿון זויערקייט אויפֿן פּנים, אָבער — אָט דאָס דאַזיקע אומרייפֿע איז צום גליק ניט דאָמינירנדיק פֿאַר בימקאָס

שאָפן. בימקאָס שאָפן איז אַ גרויסער גאָרטן מיט פאַרפלאָנטערטע וועגן, איבער וועלכע עס מאַרשירט זיך ניט תמיד אַזוי גלאַטיק און גרינג. פאַראַן סטעזשקעס פאַרוואַקסענע מיט שטעכיקן גראָז, וואָס מען מוז פאַרזיכטיק אַריבערשפּרייזן, אָבער — האָט מען דאָס איינמאָל געטאָן, אַריבערגעקומען אַ שלעכט שטיקל „פּוילישן" וועג, האָט מען דערנאָך די גרויסע סאַטיספאַקציע פון הנאה האָבן פון די צאָלרייכע גוטע פּירות אין זיין שאַפונגס־גאָרטן.

ב

בימקאָ איז אַ מענטש פון פאָלק. אַ געבוירענער אין אַן אַלטער חסידיש־סוחרישער פאַמיליע, האָט עס אים געפירט דורכן חדר און בית־המדרש, צו דער פרייער וועלט. און „די וועלט" אַרום אים, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, האָט זיך באמת אַ טרייסל געטאָן און אָנגעהויבן פינקלען מיט בונטע, זוניקע פאַרבן. די נשמה פון פּופּצן־יאָריקן בחור, האָט ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיק צו די רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן פון זיין אַרום, און ביי די צאַרישע פאַרהעלטענישן איז קיין וואונדער ניט געווען, אַז אַזאַ פופצן־יאָריקער יאַט, זאָל פאַרזוכן אַ האַלב יאָר תפיסה אין זיין געבורט־שטאָט . . . אָט דער עפּיזאָד איז אין יענער צייט געווען דער שטויס, די פּרעלודיע צו אַ פּאָליטיש־רייפן לעבן. טרעפן מיר טאַקע בימקאָן עטלעכע יאָר שפּע־טער — 1909 — אַלס אַ פּאָליטישן עמיגראַנט אין קראָקע. די ערשטע שולע פון וואַנדערונגען איבער דער וועלט, פון באַקענען זיך מיט לעבן, מיט מענטשן, מיט פאַרשידענע טיפּן, מיליעס און סביבות, וואָס דערנענטערן אין אים זיין ליטעראַרישע רייפקייט, ליטעראַרישן שאַ־פונגס־דראַנג.

דער קאָנטאַקט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט אין בימקאָן דערוועקט דעם אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור. בימקאָ קען דערביבער לאַנג ניט זיין אין דער, פאַר אים אויסלענדישער פרעמדער שטאָט, קראָקע — אים ציט צום יידישן מאַסן לעבן פון וואַנען ער איז אַרויסגעוואַקסן, און ער קערט זיך אום צוריק אין זיין געבורט־שטאָט.

וואָס קען זיין דער תכלית פון אַ יידישן יונגנמאַן אין אַ פּוילישער פּראָווינץ שטאָט, אויב ניט נאָכטאָן די עלטערנס ביישפּיל: מסחר? פאַרנעמט זיך טאָקע בימקאָ מיט מסחר. נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז אים ציט „צו די ביכלעך", ניט נאָר לייענען גלוסט זיך אים, נאָר אַליין אויך שרייבן.

און אין 1909, סוכות, פאַרעפנטלעכט בימקאָ אין „לאָדזשער טאָגעבלאַט" זיין ערשטע שאַפונג, דאָס מעשהלע „אין לאַנד פון ליבע און אומשולד".

ג

בימקאָס שאַפונגס־אָנהייב פאַלט זיך צונויף מיטן ברייטן שעפערישן צושטראָם פון אַ סך גרויסע ליטעראַרישע כוחות אין דער נייער יידישער ליטעראַטור, מיט וועלכן ס'איז אַזוי רייך געווען די עפּאָכע פון ערשטן צענדליק יאָרן, פון אונדזער יאָרהונדערט.

ס'איז געווען די גאָלדענע פרץ־עפּאָכע פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מאַסנווייז זענען געקומען די טאַלאַנטן אין אונדזער ליטעראַטור: אַש, נאָמבערג, רייזן, ווייסענבערג, ראָזענפעלד, סעגאַלאָוויטש, אָפּאַטאָשו, איגנאַטאָוו, הירשביין און נאָך און נאָך — וואָס האָבן פאַרנומען הויפּט־ערטער אין אונדזער רעלאַטיוו נאָך אָרעמער ליטעראַטור. אויך בימקאָ איז געקומען נישט לאַנג דערנאָך, אַ שטילער, אַ באַשיידענער, ניט געשטופּט זיך אין די הויכע פענצטער, ניט געמאָנט די מזרח־וואַנט, אָט פּונקט ווי ער שפּרייזט אַזוי זיין גאַנץ לעבן איבער דער וועלט, מיט זיין גאַנצן פלאַם פון שאַפן, אָבער אַ ווייניק באַמערקטער, אַ ניט דערשאַצטער...

וואָלטן אַ טייל פון זיינע דראַמעס ניט אַזוי אויפגערודערט דאָס יידישע טעאַטער, וואָלט מסתמא בימקאָ ווייטער געגאַנגען זיין וועג אַזאַ שטילער, אַ ביסל מן הצד, ווי געוויסע פון זיינע „העלדן" אין זיינע „טונקעלע געשטאַלטן".

פאַרוואָס דאָס איז אַזוי?

ווייל אַזוי איז די נאַטור פון דעם פאָלקס־מענטש, וואָס פאַרלירט ניט דאָס פּרימיטיווע, דאָס אוממיטלבאַרע, אפילו ווען זיינע באַזונ־

דערע אייגנשאַפטן שטעלן אים אויף אַנדערע רעלסן, אויף אַנדערע מער אינדיווידואַליסטישע לעבנס־וועגן. דער עכטער פֿאָלקס־מענטש פֿאַרלירט זיך קיינמאָל ניט, ער בלייבט אין אַלע סיטואַציעס, דאָס וואָס ער איז: באַשיידן.

בימקאָ, נאָך פילע געקליבענע בענדער שאַפן, איז געבליבן דער שטילער, באַשיידענער, גוטמוטיקער און האַרציקער מענטש — דער פֿאָלקס־מענטש. די גרעסטע מעלה פון אַ קינסטלער.

אויפן ברעג ווייסל

א

כראָנאָלאָגיש איז פּ. בימקאָס דער־
ציילונג די „עבירה", געווען די ערשטע פון ערב מלחמה פּעריאָד, דערשינען אין לאָדזש, אין 1912. אָבער „אויפן ברעג ווייסל" איז בימ־
קאָס ערשטע גרויסע דראַמאַטישע שאַפונג. זי איז אויפגעפירט געוואָרן אין לאָדזשער „סקאַלאַ"־טעאַטער נאָך אין 1914, אויפן שוועל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דאָס איז אַ צייט־דראַמע אין וועלכער עס קומט צום אויסדרוק דאָס אייביק אַקטועלע פּראָבלעם פון די יידיש־פּוילישע באַציאונגען, זינט צייטן און דורות. די אַקציע שפּילט זיך אפילו אָפּ אין די „נאַר־מאַלע" באַדינגונגען פון אַמאָליקן פּוילן, אין דער עפּאָכע ווען זי אַליין האָט געשמאַכט אונטערן פרעמדן יאָך און געבענקט נאָך אַן אומאָפּ־הענגיק לעבן... שוין דעמאָלט זענען די פּויליש־יידישע באַציאונגען אין דאָרף, — וואו די אַקציע פון דער דראַמע קומט פאָר — זייער אָן אָנגעשטרענגטע. די פּויערים ווערן אָנגערייצט קעגן די יידן מיט וועמען מען לעבט זינט דורות אין שכנות. כאָטש ס'איז ניטאָ קיין סיבה צו צווייפלען אין דעם יידנס צוגעבונדנקייט און ליבע צו דער ערד, אויף וועלכער ער לעבט און איז זיך מפרנס, און ער איז אויך מער ווי לאָיאַל צום פאָלק מיט וועמען זיין גורל איז געבונדן, פונדעסט־וועגן איז איינגעוואָרצלט ביי אים אַ שנאה צום ייד...

אָט איז דער אַלטער זיידע גבריאל, אַ הונדערט יאָריקער זקן, אַ בלינדער שוין, וואָס געדענקט נאָך גוט די צייטן פון דער פּוילישער „פּאָוסטאַניע", ווען ער, דער אַלטער, האָט אַליין זיך באַטייליקט אין קאַמף פאַר פּוילנס פרייהייט. איצט, אין דער טיפער זיקנה, וואַקסט

פאַרן דאַזיקן זקן אויס דער געשפּענסט פון העצע קעגן זיינע קינדער, קעגן יידן בכלל...

אין דער דאַזיקער דראַמע, גענומען פון לעבן, ווייזט בימקאַ שוין אַרויס די קראַפט און דעם אָטעם פון זיין שטאַרקן דראַמאַטישן טאַלאַנט, וואָס קומט ווייטער צום אויסדרוק אין אַנדערע דראַמעס.

מיט זיין צוגעאייגנטער שפּראַכלעכער און בילדלעכער געפּרעסט־קייט, לעבט בימקאַ פאַר אונדז אויף די אַטמאָספערע פון דאָרף, וואו יידן לעבן ברייט, איינגעפונדעוועט, נאָר מיטאַמאָל וואַקסט אויס דאָס געשפּענסט פון שרעק, וואָס גנבעט זיך אַריין אין יידיש־דאָר־פישן הויף. עפּעס אַן אומגעזעענע העצע רייצט אויף די פּויערים קעגן ייד. אַ שרעק וואָס אַז — ס׳קומט אויף דער נאַכט, קאָן די נשמה אויסגיין. די לאַדנס מוז מען היינט שוין פאַרמאַכן און די טירן — אויף פּרענטן. ווייל אַז דער הונט גיט אַ ביל — ליגט מען שוין אויף און די האָר שטעלן זיך קאַפּויער... ס׳האַרץ שטאַרבט אָפּ...

זיי, די יידן, וואָס לעבן זינט דורות צוזאַמען מיט פּויערן, ווייסן, אַז ווי באַלד מען העצט ניט דעם פּויער, איז ער שטיל און רואיק, ווערן אָבער פּויערן אָנגערייצט — זענען זיי ערגער ווי די גזלנים אין וואַלד...

הענעך, דעם אַלטן גבריאלס זון, וואָס באַציט זיך אַזוי ברייט־האַרציק צו די פּויערן, הגם דאָס פאַרמיידט אים ניט די ליידן און שרעק — ווייס אפילו גוט פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, אַז ס׳איז קיין נייעס ניט אין יידישן לעבן. די יידישע געשיכטע, אפילו אויפן אָפּשניט פון פּויליש־יידישן צוזאַמענלעבן, איז פול מיט ביישפּילן פון יידישע ליידן און אומגליקן. ס׳איז באַקאַנט: גזירות ת״ח, מגילות אומאַן...

אינעם שמועס מיט זיין זון ברוך, ווייזט הענעך אַרויס זיין באַ־וואוסטזיין פאַר די סיבות פון זייערע צרות: זיי דאַרפן האָבן אַ שעיר לעזאזל... און הענעך, דער פאָטער, איז אָפּטימיסטישער פון זיין זון, וואָס פרעגט: וואו מען וועט נעמען כוח, אויב מען וועט אַזוי אייביק דאַרפן אויסשטיין די צרות.

ענטפערט דער פאָטער:

רייסן טאַקע שטיקער... מאַכן לעכער... אָבער יידן בלייבן נאָכדעם מער — יידן; מער נאָך געשטאַרקט; אָפּגעשראָקן און צו־

נויפגעטוליעט אין אַ קיפקעלע און — הייבן באַלד ווייטער אָן צו פלאַמען...

ב

די יידן זענען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס דאָרף פון זייער דורותדיקער איינגעזעסנקייט.

דער יידישער פּאַכטשאַרזש נעמט עס אויף שווערער ווי זיין ווייב, וואָס ווייס בלויז, אַז זי האָט איבערצוקומען זיבעצן טאָג אויפן ים און — זי איז ביי אירע קינדער, וועמעס יעדער בריוו איז אויסגעוויקט אין טרערן... בלויז געלט פלעקן... נאָר ער, דער טאַטע איז מער פאַרבינדן מיט זיין היים:

ער וועט נישט קענען לעבן אָן די בהמות...

פאַרשטייט ניט זיין ווייב:

אָן די קינדער — יאָ, און אָן די בהמות — נישט?...

ענטפערט ער:

מיך דאַרטן אַרומקוקן און נישט זען: נישט די קאַנען, נישט דאָס קעלבעלע, ס׳שעפעלע, די שוואַרצע בהמה... די רויטע בהמה...

כ׳לעבן, ער וואָלט באַשטאַנען צו בלייבן און זיך מאַטערן אויפן שטיקל פרנסה, נאָר די פויערן זאָלן אים ניט מאַכן דעם טויט.

אַלץ געקלערט: כיוועל אָפּשלעפּן נאָך אַ פּאָר טעג... אַ פּאָר וואָכן... און סטאַך אויפהערן קריצן מיט די ציין... אַנטעק מיר נישט אַריינשרייען יעדן אין דער פרי: „דאַ פּאַלעסטינאַ!״ און אַז זי וועט זיך איינשפּאַרן: זי וויל דורכאויס צו די קינדער, איר זאָגן: „פאַר דיר געזונטערהייט!...״ און אַליין, זיך אַוועקזעצן אויף אַ זעקל קאַרטאָפל, אַ בינטל שטרוי, און בלייבן קיטשען... אַ הייפטל קרויט צוקאָפּנס...

אַנטלויפן פון דאָרף אין שטאָט איז פאַרן ייד אויך ניט מער ווי אַן אילוזיע. אויך אין שטאָט איז דער באַיקאָט קעגן יידן גרויס. אויב אין דאָרף ווילן די פויערן ניט גיין אַרבעטן, ווייל דער הויף איז אַ יידי־שער — מוז דער ייד אין שטאָט פאַרמאַכן זיין געוועלבל, אויב ער

וואוינט אין אַ ניט־יידישער גאַס... דער מעכאַניזם איז אַ פאַרצווייג־טער און האַלט דעם ייד ווי אין אַ נעץ.

אַט אַזוי שטעלט בימקאַ ריכטיק די דיאַגנאָזע פון יידיש־פּוי־לישע באַציאונגען און די באַיקאַט קאַמפּאַניע, פון וועלכער מיר זענען געווען עדות נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. פאַר דעם, הייסט עס, איידער פּוילן האָט זיך באַפרייט פון צאַרישן יאָך. דער גייסט פון אומטאָלעראַנץ און יידן־שנאה האָט אין אַלע צייטן דאָמינירט דאָס פּוילישע לעבן, דער גייסט פון רעאַקציאָנערער שלאַכטע.

ג

שיין איז דאָס געשטאַלט פון אַלטן גבריאל, וואָס דערפילט מיטאַמאָל אַז עס רוקט זיך אָן דער סוף. ער זעט דאָס אויפגיין פון אַ נייעם דור, נאָר אַ שלעכטן דור. איז דאָך גלייכער — מיינט דער זקן — „נישט צו פאַרמיאוסן דעם סוף פון אַ שיין לעבן...״

און דער אַלטער טראַכט וועגן זיין דור. וואָס איז געווען באַהערשט פון קאַמף און אידעאַל. וויזט אויס, אַז ניט יעדער דור איז ווירדיק צו זיין באַהערשט פון אידעאַלן. דאָס וואָס איין דור באַשיינט מיט שיינקייט און מענטשלעכקייט דורך קאַמף פאַר עפּעס — מוז דער קומענדיקער דור פאַרשווארצן...

אָביעקטיוו גענומען, קוקנדיק אויפן געשיכטלעכן גאַנג פון דער געזעלשאַפט, האָט בימקאַ דאָ אָנגערירט אויף אַ פרימיטיוו־פאָלקס־טימלעכן אופן, אַ פּראָבלעם, וואָס צווינגט צום פאַרטראַכטן זיך, און פאַרטראַכטן זיך הייסט — זוכן אַן ענטפער...

פונדעסטוועגן זעט דער אַלטער אינגיכן איין, אַז די פּויערן זענען ניט אַזוי פיל שולדיק אין זייער האַס צום ייד.

אין מאָמענט ווען אין יידישן הויף הערשט אַ פחד, די מורא פאַר שלעכטס, וואָס דאַרף פאַסירן, פּרעסט פון יעדן ווינקל, און דער זון קומט ניט אַהיים צו דער צייט, וואָס עס שאַפט אַ פאַרדאַכט, אַז ער איז באַפאַלן געוואָרן אין וואַלד, — רייסן זיך די פּויערן פונדעסטוועגן צו גיין אים אויפזוכן... דעמאָלט זאָגט דער אַלטער:

— אַן אַנדערער כעס ברענט דאָ... אַ פרעמדער... נישט קיין פוילישער... איך קען פוילן...

דער אַלטער דערמאָנט זיך אין יענע צייטן, ווען ער אַליין האָט דאָ אין הויף אויסבאַהאַלטן אַ פוילישן פריץ, אַ פאַרוואונדעטן און אַ פאַרפאָלגטן פון די קאָזאַקן. מיט מסירת־נפש אים אויסבאַהאַלטן און שפּעטער אים איבערגעטאָן פאַר אַ ייד און איבער דער גרענעץ אַוועקגעפירט קיין אויסלאַנד... נאָר יענע צייטן זענען לאַנג אַוועק, איצט איז אַלץ פאַרסמט פון האַס און העצע. און סימבאָליש: דער אַלטער גבריאל שטאַרבט ניט מיט זיין נאַטירלעכן טויט, נאָר פאַלט פון אַ פאַררעטערישער קויל גראַד אין דעם מאָמענט, ווען ער דערציילט זיינע זכרונות פון אַ מאָל...

די דראַמע ענדיקט זיך דערמיט, וואָס די יידן מוזן דאָך אַוועק פון דאָרף ווי בעטלער, ווייל זייער גאַנצע פראַצע פון דורות האָרעוואַניע, גייט אַוועק מיטן פייער.

ד

אין דעם עפּילאָג פון דער דראַמע, טרעפן מיר די רואינירטע פאַמיליע אין וואַנדער־וועג, אין דער אומבאַשטימטקייט. נאָר דאָ האָט שוין בימקאָ „אָפּגעגוויגט" פון זיין שטרענגער רעאַליטעט, צו אַ קאַפּיטשקע סימבאָליזם. מיר האָבן דאָ די סימבאָלישע אילוזיע ווי יידן גייען צו אַן אייגן אימאַזשינירט לאַנד. בימקאָ פאַרגעסט אויך ניט אין דעם גורל פון טויטן גבריאל, וואָס גייט־מיט מיט די יידן אָפּריכטן גלות. ער, דער אַלטער טרייסט זיי און מוטיקט זיי אויסצוהאַלטן דעם אומבאַשטימטן לאַנגן וועג.

ס'אַרט איז נאָך ווייט; און אויב איר, חלילה, וועט נישט זוכה זיין דערצו — אייערע קינדער עס דערלעבן צו זען!...

סיי דער אָפּטימיסטישער סימבאָליזם און סיי דער גאַנצער עפּילאָג, זענען איבעריק, אויף וויפיל זיי וואַקסן ניט אַרויס פון דער דראַמאַטישער נויטווענדיקייט. פאַר בימקאָ וואָלט גענוג געווען דאָס אַרויסשטעלן פון פּראָבלעם גופא אַלס רעאַלער פאַקטאָר אין יידישן לעבן פון פוילן; ער האָט ניט באַדאַרפט געבן קיין „סימבאָלישן"

אויסוועג אָדער לייזונג פון דעם פּראָבלעם, בפרט נאָך ווען די „סימ־באָלישע״ לייזונג איז ווייט ניט אין איינקלאַנג מיטן געשיכטלעכן גורל און מיט די אינטערעסן פון די יידן אין פּוילן.

סיי־ווי־סיי אָבער, בלייבט בימקאָס „ביים ברעג ווייסל״, מיט איר קערנדיקער דראַמאַטישער קרעפטיקייט, אַ ווערק פון אייביקער אַקטואַליטעט. דערויף האָט באַשטעטיקט דאָס נייסטע קאַפּיטל יידיש־פּוילישע באַציאונגען פאַרן טראַגישן פּעריאָד פון פּוילנס קורצער זעלבסטשטענדיקייט, וואו אַלץ האָט זיך אין אַ מער ברוטאַלער פאָרם איבערגעחזרט און — באַשטעטיקט.

בימקאָס דראַמע ווערט דערמיט אַ שטיק קולטור־געשיכטע פון אונדזערע טעג.

רעקרוטן

א

אַז די וועלט־מלחמה האָט בימקאָן ניט געלאָזט זיין קיין זייטיקער צוקוקער, באַווייזן די דראַמעס זיינע, אין וועלכע די מלחמה פאַרנעמט זייער אַ סך אָרט. זיי באַווייזן, אַז בימקאָ, מיטמאַכנדיק אַלע שווערקייטן פון מלחמה־לעבן, האָט די מלחמה איבער־געפּיבערט אין דיביינער. זיי באַווייזן אויך, אַז בימקאָ האָט אין זיך פאַרמאָגט גענוג גייסטיקן כּוח דעם מלחמה־קאָשמאַר איבערצוואַוואונדן און — דערפון פאַר זיך אַרויסציִען גייסטיקע ווערטן.

פאַר בימקאָן זענען די מלחמה־יאָרן געווען צייטן פון ליטעראַ־רישן שאַפן. גראָד דעמאָלט איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַזאַ באַדייטנ־דיק ווערק ווי די „רעקרוטן", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע בשעת דער דייטשישער אָקופּאַציע אין יאָר 1916. שפּעטער איז דאָס בוך איבערגעדרוקט געוואָרן עטלעכע מאָל, וואָס עס באַשטעטיקט דעם דערפאָלג פון בימקאָס ערשטס גרעסער פּראָזע־ווערק.

און דער דערפאָלג און רום, וואָס די „רעקרוטן" האָבן זייער מחבר פאַרשאַפט, איז אַ פאַרדינטער.

אין די „רעקרוטן" באַווייזט זיך בימקאָ צום ערשטן מאָל מיט דער אָריגינעלקייט פון דער טעמע, מיטן דראַמאַטישן שטאָף, וואָס די „פּריזיוויניקעס" האָבן אויפן פּאָן פון צאַרישן רוסלאַנד מיט זיך פאַרגעשטעלט. צום ערשטן מאָל קומט דאָ צום אויסדרוק בימקאָס איינגעבוירענער, שטאַרקער רעאַליזם, מיט זיינע עקספּרעסיווע שטיי־גער־בילדער און שילדערונגען פון יידישן לעבן אויפן ראַנד פון אַ פאַרביי גייענדיקער עפּאָכע אין יידישן ווי אין אָרטיקן לעבן, אין מזרח־איירופּע.

בימקאָס שטעטלדיקע טיפּן אַרום די „רעקרוטן", שטייען צווישן אַש'ס „קוילער-געסל" און ווייסנבערגס פאַרשוינען.

ב

טעמאַטיש האָבן בימקאָס „רעקרוטן" שוין באַוויזן צו ווערן אָפּגעגאַנגענער לעבנס-שטייגער אין יידיש-פּוילישן שטעטל פון פאַר דער וועלט-מלחמה.

מיטן פאַרשווינדן פון צאַריזם, איז לגמרי אונטערגעגאַנגען אַט דער זייער כאַראַקטעריסטישער שטייגער פון די יידישע שטעטלעך אין די רעקרוטירונגס צייטן פון יאָר, וואָס ווערן אין בימקאָס שיל-דערונגען אויפגעלעבט דורך זייער קרעפטיקע רעאַליסטישע בילדער. אין מיין אייגענעם זכרון טויכן נאָך אויף ביים לייענען בימקאָס „רעקרוטן", אָפּגעריסענע שפּליטער פון רעקרוטן-געשלעגן אין שטעטל. רעקרוטן, זעלנער, — דערמיט פלעגט מען שרעקן קינדער אַ גאַנץ יאָר. באַקומען דעריבער בימקאָס דערציילונגען פון רעקרוטן-לעבן, אַ קולטור-געשיכטלעכן ווערט פון אַ באַשטימטער עפּאָכע.

בימקאָס סטיל איז נאָך דאָ ערטערווייז אַ רויער, אַ ניט קריסטאַ-ליזירטער. אין די אָנהייב-קאַפּיטלען גיט נאָך אַ שימער בימקאָס צמצומדיקער סטיל און שפּראַך פון זיינע שטאַרקערע דראַמאַטישע ווערק. שפּעטער אָבער פאַרלירן זיך אַט-די שטריכן אינעם האַסטיקן ריטם פון דער דערציילונג. זיך צעשפּילט די געבליטן ביי בימקאָ, באַהערשט פון דער דינאַמיק פון זיינע פאַרשוינען, ווייסט בימקאָ ניט שטענדיק צו צוימען די שפּראַך פון זיינע פאַרשוינען. דער לשון ווערט דאָ וואַסערדיקער און איבערחזרונגען ווערן אָפטער. הגם די מיליע איז דאָ ענלעך צו געוויסע פון זיינע דראַמעס — איז נאָך בימקאָ דאָ ניט געווען גענוג שטאַרק זיי צו באַהערשן.

אָבער — די דערציילונג גופא אין קינסטלערישן פּרט גענומען, אָטעמט מיט עכטקייט און קראַפט, און מיטן אָטעם פון זיינע פאַרשוינען. אָט די מאַסן שטעטלדיקע און דאָרפישע יינגען, וואָס אין זייער פריזיוו-צייט לאָזן זיי פריי זייער הפקרדיקע סטיכיע, וואָס דערמאָנט אין פרימיטיוון אור-מענטש.

ג

אַ חוץ דער געזונטער רוי־ערדישער פאָלקס־שפּראַך, וואָס גיט דעם קאָלאָריט צום בילד און כאַראַקטעריזירט די רעקרוטן אין פריזיוו־צייט, בליקן דאָ און דאָרט דורך פיינע קינסטלערישע בילדער און פאַרגלייכן, ווי למשל ביים שילדערן האַרבסט־צייט אין שטעטל, ווען די נעכט ווערן גרעסער און די טעג — קלענער:

אַלץ זינקט אַזוי אין דער בלאָטיקער פייכקייט, ווערט פאַרפאַלן צוזאַמען מיט די טעג, וואָס ווערן קלענער, נעמען זיך איין, קורטשען זיך צונויף און ווערן איינגעשרימפּן ווי די זשאַבעס; פאַר דאָס ווערן לענגער די נעכט, אויף די טעגס חשבון, פאַרשטייט זיך, — ציען זיך אויס ווי די שלאַנגען, ווערן גרויס און גרעסער, פעטער און אויסגעפּאַשעטער, מיט די ליכטיקע שטיקער טאָג, וואָס זיי שלינגען איין.

אַזוי פּלאַסטיש זעט בימקאָ אַ בילד.

בימקאָס אויסגעהאַלטענער שטייפער טאָן ביים שילדערן די רויע יינגען מיט זייער לשון, ברעכט זיך מיטאַמאָל איין און גייט איבער אין אַ שטילן ליריזם, ווען ער שילדערט אין שפּיטאָל ביי נאַכט, ווען די רעקרוטן צעטיילן זיך, אין רעליגיעזע גרופּעס, אָפּריכטנדיק תפילות יעדער צו זיין גאָט און אויף זיין שטייגער . . . אַ שטימונגספולער אַקאָרד, וואָס רייסט איבער דעם גאַנג פון דער גלענצנדיקער שטייגערישער דערציילונג. בימקאָ דערגייט צום אַפּאָטעאָז פונעם רויען פאָלקס־מענטש, ביים שילדערן זיינע טיפּן — יידן צי ניט־יידן — אינעם ליכט פון אַ פּרימיטיוויזם, וואָס קומט אוממיטלבאַר צום אויסדרוק. די רויע האַלטונג, די סטיכיע פון מענטשן אָן קולטור, וואָס לעבן זיך אויס אין געשלעגן און סקאַנדאַלן — ווערן דאָ שפּל אין דער נאַכטיקער רעליגיעזער סצענע, וואָס גרענעצט זיך מיט מיסטיציזם. עס קומט צום אויסדרוק דער פּרימיטיווער אונטערבאַוואוסטזיין, וואָס קלאַמערט זיך אינסטינקטיוו אין רעליגיעזן גלויבן. ס'איז אַ בילד, וואָס לאָזט ניט גלייכגילטיק איבערגיין צו די וויטערדיקע בילדער, וואָס אָטעמען מיט דער באַקאַנטער בימקאָשער רעאַליטעט. ביי אָט דעם נאַכט־בילד, מוז מען ביים לייענען איבערכאַפּן אַ קורצע אָטעם־פּויזע און זיך פאַרטראַכטן.

ד

דורך דער פריזמע פון די רעקרוטן, לעבן־אויף אין דער דערציילונג פארשידענע אספעקטן און בילדער פון שטעטל, וואס בילדנדיק די ראם צום אלגעמיינעם רעקרוטן־בילד, דינען זיי אויך אלס פאן פון באשטימטע סאציאלע גרופעס אין יידישן שטעטל.

ס׳רוב שטעטלדיקע רעקרוטן זענען אויסגעווארצלטע, פאמיליענלאזע, הפקר־יונגען, וואס האבן אין יידישן שטעטל שטענדיק געדינט אלס כפרה־הינדלעך פאר באלעבאטישע, צעקראכענע, אויסגעוויקטע יונגעלייטלעך. דאס זענען געווען טאטנס זינדעלעך, וואס האבן ניט געוואלט גיין „דינען״, און די טאטעס האבן שוין געזארגט, די זינדעלעך זאלן בלייבן אין דער היים, ווייל „דינען״ וועלן גיין פאר זיי די הפקר־יונגען, די בערילעך... און כדי אזא בערילע זאל טאקע זיין דער אפליזער פאר „פיינע״ יונגעלייט, זענען אין פריזיווצייט, ווען ביי די הפקר־יונגען האבן זיך צעשפילט זייערע רויע אינסטינקטן — די גבירישע יידן געווארן גוטהארציק, ביים פארזארגן אזא עלנטן רעקרוט מיט די נייטיקע קלייניקייטן, וואס א זעלנער דארף מיטנעמען צו „פאניען״:

— בא! — מאכט לייזער מאכעלס אויף בערעלעס טענות, — מילאזט ביי יידן נישט פאלן!... סיוועט נאר האלטן דאביי, אזוי וועט ער שוין זיין דערין, ריזאל פון אלעם מיטהאבן אין וועג אריין: פון העמדער, הויזנס, קנעפלעך, בערשטלעך. מיט וואס א זעלנער ברויך נאר אויספילן ס׳קעסטל. אפילו עפעס געלט אויך...

אבי, הייסט עס, זיין אייגן זינדל זאל קאנען בלייבן אין דער היים. ווייל ער, רב לייזער מאכעלס איז אן „אויפריכטיקער״, ער פארשטייט אן עניין, ווען ער באשטעטיקט, אז . . . ס׳איז טאקע גלייכער: בערילע זאל גיין דינען, איידער זיין זון:

— ווען דער אייבערשטער באווייזט א נס, ס׳זאל אזוי זיין, וואלט געווען זייער א גלייכע זאך. דו ביסט גראד, זעסטו, ווי געבוירן צום שווערדל און אים (דעם זון — א. ב.) די שעה זאל ניט באשעהין — וועט נישט זיין מער וואס ס׳זאל צוריקקומען...

אן אנדערער אויף זיין ארט וואלט אפשר רעאגירט גראב אויף אזא ציניזם מצד איינעם א גביר, נאר אונדזער בערילע איז פאסיוו.

ער ווייס, אַז ס׳וועט אים סיי־ווי־סיי ניט מיידן, וויל ער כאַטש אַרויס־באַקומען די פּאָר גראָשן כדי צו קענען אַ שטיקל צייט — ביז צום אָוועקגיין „דינען״, — לעבן אַ טאָג, הוליען און שכורן מיט נאָך טשאַטעס יונגען, זיך שלאָגן מיט דאָרפישע שקצים, וואָס קומען־דיק אין שטעטל זיך „שטעלן״ צום פּריזיוו, צעשפּילט זיך ביי זיי דאָס טרייפענע בלוט, און שלאָגן יידן.

די דאָזיקע קאַמפּס־בילדער צווישן די רעקרוטן, יידן מיט גויים, זענען ביי בימקאָן אויסגעוואַקסן צו עפּישע שילדערונגען. עס שלאָגט פון זיי מיט אור־קראַפט פון פּרימיטיוו און שלעכט־דער־צויגענעם מענטשן. הפקר־יונגען, וואָס האָבן איין מאָל אין יאָר, פּריזיוו־צייט, די אומגעשטערטע מעגלעכקייט אויסצולעבן זייערע צע־שפּילטע אינסטינקטן און ליידנשאַפטן... בימקאָ איז דאָ צוגעקומען צום מענטש אין זיין אור־אינסטינקט, ווי ער לעבט זיך אויס אין די מזרח־לענדער, וואו עס הערשן אייביק אומטאָלעראַנטע באַציאונגען צווישן צוזאַמענלעבנדיקע פעלקער. דאָרט וואו אַנשטאָט דערציען די מענטשן אויף אַ קולטורעלן אופן, נערט מען דעם גראָבן אינ־סטינקט, דאָס נאַרישע, חיהשע, וואָס דרעמלט אינעם מענטש...

בימקאָ איז דאָ צוגעקומען — גראָבנדיק אין דער טיף פון פאָלקס־לעבן, — צו אַ גאַנצן קאָמפּלעקס פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען אין אונדזער לעבן, פון אַ באַשטימטן צייט־אָפּשניט, אַן אָפּגעגאַנגענעם.

אינעם אַלגעמיינעם שטעטל־עלעמענט פון דער יידישער ליטע־ראַטור, פאַרנעמט בימקאָס „רעקרוטן״ אַ בכבודיק אָרט. לעבן דעם געזונטן ווייסנבערגישן שטעטל מיט דער בולטער סאָציאַלער דיפע־רענציאַציע, ביי דער זייט פון דער אַשישער אידעאַליזירטער אינ־טערפּרעטאַציע פונעם זעלביקן שטעטל, פּאַסן זיך אַריין בימקאָס „רעק־רוטן״, מיט זייער רעש און טומל, מיט זייער אָפּדעקן אַ נייעם אַספּעקט פון שטעטלדיקן לעבן אין אונדזער ליטעראַטור.

אין דאָזיקן ווערק קומט צום ערשטן מאָל אַזוי בולט צום אויס־דרוק בימקאָס שטאַרקער רעאַליזם, ווי ער האָט זיך גלייך דערנאָך פאַנאַנדערגעוויקלט אין זיינע דראַמאַטישע ווערק.

אין מלחמה־קאַראַהאַד

די מיסטעריע: „פּראַך.״

. . . סילעבן איז ווי אַ בוך.
טרעפּסט אויף געראַטענע בלעטער,
און אַמאָל, — ווי דער וועטער:
טרויעריק און וויסט.
. . . מ׳בלעטערט
דאָס בוך ווי מיוויל,
און סיאַלטע בלייבט אַלץ אייביק ניי;
ביי וועמען ס׳לעבן גייט
געלאַסן און שטיל
פאַרביי,
און ביי וועמען, — עס שרייט
ווי אַ ליידיקער וואָגן
אויפן טראַקט.

א

אוודאי איז שוין בימקאָס וועג אין דער ליטעראַטור אַלס רעאַליסט געווען אַן אַנגעצייכנטער, אַן אויס־געשפּרייטער און געעפּנטער מיט זיינע ערשטע שאַפונגען. אָבער כדי צו דערגרייכן אומגעשטערט דעם לאַנגן און ברייטן שאַפונגס־וועג, האָט בימקאָ געהאַט גרויסע שטרויכלונגען בייצוקומען: די מלחמה.

ער איז געווען אַריינגעכאַפּט ווי מיט צוואַנגען אין איר קאַראַ־האַד, אין איר לאַנגיאָריקן טייוולישן דראַנג, אין איר פיזישן און

מאָראַלישן חורבן, וואָס זי האָט געזייט איבער אייראָפּע. בימקאָ האָט פון דעם דאָזיקן קאָשמאַר ניט געקענט זיך באַפרייען, כדי זיך צו פאַרנעמען אויף דעם, פאַר אים, אויסגעשפרייטן וועג.

געוויס האָבן זיך שוין אין יענע צייטן — 1917 — געריפּט אין אים שטאַרקע רעאַליסטישע ווערק, אָבער — ער קען זיי ניט ביי־קומען, ער קען ניט רואיק אַרבעטן, ווי לאַנג ער וועט ניט ביי־קומען — אויף אַ ליטעראַרישן אופן — די בעסטיע, די מלחמה! דעמאָלט איז ביי בימקאָן געבוירן געוואָרן זיין גרעסט דראַמאַטיש ווערק: „פּראָד".

איידער בימקאָ האָט זיך פאַרמאָסטן אויף זיינע שטאַרק רעאַליס־טישע דראַמען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן פון דער מלחמה; איידער ער האָט די מלחמה באַנומען אין איר טראַגישן מהות, וואָס שאַפט נייעם — מעג זיין ציטווייליקן — לעבנס־שטייגער, נייעם דראַמאַטישן שטאָף פאַר קאָנפליקטן, סיי אין דער מענטשלעכער נשמה, סיי אין דער געזעלשאַפט — האָט בימקאָ ניט געקענט זיך באַפרייען פונעם קאָשמאַר, וואָס די מלחמה האָט אין זיין מוח אַנגעטראָגן, און די מלחמה געגנומען ווי אַ פאַטום, ווי עפעס אַ אומרעאַלע קראַפט, און זי אויף אַזאַ „מיסטעריעזן" אופן געבראַכט צום אויסדרוק אין זיין שרעק־לעך צעצויגענער מיסטעריע „פּראָד".

אַנשטאָט צו באַנעמען דאָס מלחמה־פּראָבלעם אין איר רעאַלן יסוד, וואָס וואָרצלט אין געזעלשאַפטלעכער און צווישן־פעלקער־לעכע באַציאונגען, אַנשטאָט אַנאַליזירן אויף אַ רעאַלן, בימקאָשן אופן אָט די מענטשלעכע פּלאָג, וואָס האָט אַלע שאַנסן באַזייטיקט און אויסגעמיטן צו ווערן ביי אַ געהעריקן געזעלשאַפטלעכן לעבנס־סדר — איז בימקאָ אַוועק אויפן געווייינלעכן איינגעשטעלטן אופן פון באַהאַנדלען דאָס מלחמה־פּראָבלעם ווי דער אייביקער פאַטום פון מענטשלעכן לעבן, ווי אַן אומפאַרמיידלעך געזעלשאַפטלעך אומ־גליק, ווי אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ איבער די מענטשן און מען קען ניט קעגנווירקן.

אָט די דאָזיקע ניט ריכטיקע איינשטעלונג, האָט שוין ממילא גורם געווען, בימקאָ זאָל זיך לאָזן אויפן גליטשיקן וועג פון דער מיסטעריע־פאָרם, וואָס איז אין סתירה מיט זיין נאַטירלעכן, איינגע־בוירענעם זשאַנר פון דראַמאַטישן און פּראָזאַאישן שאַפן.

דאָס טאָפּטשען זיך אין די „אומרעאַלע״ זומפּן פון דער מיסטעריע, פון וועלכע בימקאָ האָט, ווייזט אויס, ניט געקענט אַרויסקריכן, האָט גורם געווען אַ שרעקלעכע צעצויגנקייט, אַן איבערפלוס פון ווערטער און בילדער, וואָס זיינען ניט מער ווי מעטאַמאָרפאָזן. הגם די דאָזיקע שיין־רעדעריי ביי בימקאָן, גיט אים — אין האָסטיקן גאַלאָפּ פון זיין צעשפּילטער פאַנטאַזיע — ערטערווייז די געלעגנהייט אַ גלאַנץ צו טאָן מיט אַ פּאָעטישער שיינער פראַזע אָדער וואָרט־שפּיל. אין „פראָך״ גייען געמישטביידע עלעמענטן: אַבסטראַקטע ווערטער, צוזאַמען מיט עכטע דיכטערישע פערזן, וואָס זענען אָפּטמאָל באַזירט אויף קאָנקרעטע געדאַנקען, וואָס רירן שוין יאָ אָן דעם עצם פּראָבלעם פון מלחמה.

ב

פונדעסטוועגן ראַנגלט זיך בימקאָ אינעם מבול פון אַבסטראַקציע מיטן ווילן צו דערווייזן דעם אומזין פון מלחמה. ניט זייענדיק איבערצייגט, אז די טרייב־כוחות, וואָס פירן די מענטשהייט צו שחיטות און אומקום, וואָרצלען אין געזעלשאַפטלעכן סדר, — מוז דאָך בימקאָ קומען צום איינזען, ווי אומזיניק דאָס אַלץ איז, דער חורבן, וואָס די מלחמה איז גורם.

דער גאַנצער ערשטער טייל פון דער מיסטעריע, שפּילט זיך אָפּ אויפן פאָן פון אַ יידישן צוגאַנג צום פּראָבלעם. בימקאָ האָט אַרויסגעפירט אויף חורבע שלאַכטפעלדער אַ גאַנצע ריי יידישע רעאַלע און אומרעאַלע פערזאָנאַזשן, מיטן טראַדיציאָנעלן שטן בראש. דורך דער פריזמע פון זייער אַלעמענס ווערטער־קאַמף, קומט צום אויסדרוק בימקאָס גאַנצע ביטערניש און שוידער צו דער מלחמה, די גאַנצע זינלאָזיקייט אירע.

פרעגט דער קלויזניק מיט זיין זינגענדיקן גמרא־ניגון:

מאי קא משמע לן דער טאָג ?
דאָס זעלבע ברומען, זידן, קאָכן,
אויסקנעטן פון פליש און קנאָכן,

ערד, מיסט און קויט —
אַ מאכל פאַרן טויט?

פאַראַן ערטערווייז האַרמאָניע אינעם געפלעכט פון לייכטן פערז, אין די שמועסן צווישן די פּערזאָנאַזשן, וואָס זענען ווילנדיק ניט ווילנדיק, אויפן פאַן פון דער אויפגעצווינגענער מיסטעריע, גע־בליבן רעאַלע פיגורן. מעג זיי בימקאָ צווינגען צו זיין אַבסטראַקט און צו רעדן אין פּאָעטישע פערזן... זיי וואַרירירן צווישן אַבסטראַק־ציע און רעאַליטעט.

אין וואָס דריקט זיך אויס ביי בימקאָן זיין דערגרונטעוועט דעם שורש פון מלחמה?

אין אַ מיסטעריע מיט אירעאַלע פּערזאָנאַזשן, איז עס בימקאָן ניט שווער אָנגעקומען צו דעפינירן. ער האָט ערגעץ דערטאַפּט די „פּולזייטיקע" געשטאַלט פונעם שטן און אויף אים אַרויפגעוואָרפן דאָס פעקל...

פרעגט דער גראַבייכיקער ביים שטן:

— און ווער ביסטו, ווער —
נפש טמא?

ענטפערט דער שטן, וואָס פאַרשטעלט זיך, אגב, יעדעס מאָל אין אַן אַנדער געשטאַלט:

— דער שורש פון מלחמה.

ווי באַלד אַזאַ אָפנהאַרציק מודה זיין זיך מצד דעם בעל דבר, חידושט מען זיך שוין ניט, וואָס יידן באַפאַלן דעם שטן פון אַלע זייטן, גרייט אים דורס צו זיין:

— וואַרט, ס'וועט דיר נישט געראָטן!
מיט די הייליקע שמות
דיך מוזן זען צו פאַרברענען...

נאָר דער חברהמאַן — איצט שוין אין זיין אייגענעם געשטאַלט, נעמט אויף דעם קאַמף:

— אויב איר וועט קענען!

בכלל גענומען איז דער שטן די צענטראַלע פיגור אין דער מיס־טעריע. מיט זיין מעגלעכקייט זיך צו טראַנספאָרמירן לויטן מחברס ווילן, האָט בימקאָ אויף אים אַרויפגעלייגט די גרעסטע אַרבעט און

— אים אַנגעהאָנגען די גרעסטע מאָס רייד... און אַז דעם מחבר איז אָנגעזאָלצן אויף דער נשמה, אַז עס ווילט זיך אויסשרייען בונטאַרע ווידערשפּעניקע ווערטער — איז דער שטן אויפן פּלאַץ... ער נעמט אָן די געשטאַלט פונעם כופר, דער שטראָפער, וואָס קען ניט גלייכגילטיק צוזען די שפלקייט פון דער עדה יידן לגבי דעם אָרום, ער קען ניט פאַרטראָגן רואיק, ווען יידן גלייבן נאָך בלינד אין דער געטלעכער דערלייזונג, ווען זיי געפינען זיך ביים ראַנד פון אומקום:

לוינט פאַר איר אפילו
דעם האַלדז צו שטרעקן, —
כדי אויפצוועקן
דעם באַוואוסטזיין פון קנעכט:
„נאַט אייך, שעכט!"
און מיט דעם טיפן
געשמאַקן ריח,
אויפצוועקן
צווישן מיליאָנען עבדים,
דעם אייגענעם בן אדם
אין אים?
איז דאָס נישט קרום,
פרעג איך אייך, קעלבער, שטומע?

קעגן דעם רבינס נאמנה, אַז, —

אונדזער אומה
האָט אירע וואָרצלען שטעקן
טיף אין דרערד;
און די שווערד
רייבט נאָר אויס די שאַרף ביי זיי;
ביי יעדן אבער, אַז ס'ווערט אָפּגעשניטן,
גייט אין מיטן
פון דער וועלט אַ דורך אַ וויי
געשריי, —

און אַ בייזער גרויל
צעררייסט די ווינקלען פונעם מויל.

דערויף קומען דעם שטנס ריכטיקע, שטראָפרייד:

איר זענט תמיד די ערשטע, די ראשונים,
תמיד די גרייטע,
די מקוננים,
נאָר ער, —
ווער ער זאָל נישט זיין, ווער:
יהוה, ישו הנוצרי, משיח בן דוד,
האָט ער אַלץ נאָך זיין כבוד
נישט באַוויליקט
איינצוריכטן;
אפילו ווען ער זעט אייך ליגן
ווי געבינדענע ציגן,
כמעט פּאַרטיליקט
ביי די פּריזמעס שטיינער;
ס׳וואַלגערן זיך די קנאָכן
און ביינער, —
אַרומגעגריזשעט פון לאַנג שוין ס׳פּלייש;
און ס׳ווייזט זיך נישט דער עמוד האש,
וואָס זאָל ערגעץ אויפגיין
ווי אַ העליש געוויין
צווישן אייך.

און ווייטער:

ווען זאָל נאָך משיח געבוירן ווערן,
אויב נישט איצט,
ווען אויף אייער שטערן
איז העל אויסגעקריצט
דער טויט;

ס׳וועלן בלוטיק רויט
פאַרבלענט אייערע שטעט,
און מע צעטרעט
ישובים פון דורות.

ווערטער רעאַלע און אמתע, וואָס זענען אַן אָפּפרישונג אינעם ווערטער־מבול פון דער מיסטעריע, נאָר דעם רבין ווען זיי נאַטירלעך נישט איבערצייגן. אָפּגעפּסקנט, אַז, —

— אַזוי רעדן קען נאָר אַן אַפּיקורס.

דרשנט ווייטער דער רבי די גאָר אַלטע באַנאַלע איינרעדענישן, אַז, —

טאָקע די ישובים פאַרלוירן
אין דער מהומה,
אָבער — נישט אונטערגיין
וועט דורכדעם די ייִדישע אומה;
שטאַרקן די אמונה,
דעם גלויבן, —
דאָס מיט אונדזער בלוט
ווערט אָפּגעשוועקט
פון דער ערד, די טומאה;

און מיט שטאָלץ:

מיר, ייִדן, מוזן טראָגן
דעם גרויסן עול,
און אַזוי לאַנג קריגן געשלאָגן,
ביז גאָטס קול
וועט זיך לאָזן הערן
אויף ליכטיקע מויערן;
און זינען נעמען שטראַלן
אויף פינצטערע טויערן;

קלאָרע טרערן
רינען
פון זיין אייביקער ברונען;
מן ווי ווייסער שניי אויספאַלן;
אויף די שוואַרצע גרונטן, —
וואַרעמע ווינטן
בלאָזן;
און פון הינטן
וועלן מער נישט שרעקן
די גראָע פלעקן
פון זעלנערישע בגדים.

ער, דער רבי, וויל פאַרטויבן דעם שטנס געשריי, וואָס הילכט:

ווי פינצטערע עבדים
האָט איר צום חלף
דעם האַלדז געשטרעקט, —
פאַרן אלף
בית, פון אייער קיום;
די טויטע געוועקט
אַזוי מאוים,
און פירכטלעך, אימהדיק
איז געווען דער בליק,
ווי ביי געשאָכטענע קינדערלעך אין וויג,
און וואו וועגן זענען געקרייצט, —
זיי מיט אייערע מתים פאַרפלייצט.

נאָר נעמט זיך איבער דערמיט, וואָס יידן זענען געגאַנגען, און גייען
נאָך, מסתמא, — אויף קידוש־השם:

אין דעם טיפן גלויבן
האָבן זיי זיך צו אים
דאָרט אויבן, —

באַהאַפּטן,
און פֿרום,
מיטן דעם קאָפּטן
אויסגעשריי אויף די ליפּן:
„שמע ישראל, ה׳ אחד!״
אויף קידוש־השם געשטאָרבן.

דער שטן איז ניט מסכּים מיטן אומניציקן משיחיזם, און וועלכן ייִדן כאַפּט זיך אָן, — נאָכמער אין צייטן פֿון אומגליק; אים פֿאַרדריסט, וואָס גאָט בלייבט אַלץ טויב צו אַלע ווענדונגען:

ווער איז ערב
פֿאַר אַלעם, וואָס ווערט חרוב,
און פֿאַר יענע אַלע, וואָס קומען אום
מיט דעם טיפֿן גלויבן אין אים?

דער רבי ראַנגלט זיך מיט די פּרימיטיווע מיטלען, אַרויפֿוואַרפֿנדיק די שולד אויף די פּושעים, וואָס גלייבן ניט אין בורא:

אַ בלינדער זעט
ווי אויפֿן הימל גייט
אַ ליכטיקייט אויף;
ס׳אַנטפּלעקט זיך דער גבול
פֿונעם אין־סוף;
די ימים ווערן צוריקגעהאַלטן, שטיל,
און דערציטערט פֿאַרן טאָג
פֿון זיין צוזאָג.

און אַזוי גייט אָן דער געפּעכט צווישן אַ רעאַלע געשטאַלט אין ייִדישן לעבן, ווען די לאָגיק איז גראָד אויפֿן צד פֿון דער אימאַזשינירטער געשטאַלט...

ווייל געגעבט איז סוף־כּל־סוף דער שטן, ווען ער זאָגט:

אין יעדער מלחמה,
עת־צרה,

ווען איר האָט מער פאַר אַלע
געליטן,
געוועזן יעדן איינעמס כפרה, —
און דעם טויט
סוף־כל־סוף נישט אויסגעמיטן;
אויך געזוכט די זעלביקע נחמה,
און געמיינט: אַז די שוואַרצע כוואַליע
ברענגט אייך משיחן!
יידן, שוטים! ס׳זענען דורות פריער
אויכעט ווי איר, —
אים אומגעלאָפן זוכן
אויף דער שאַרף פון שווערד,
און ס׳האָט זיי פאַרשלונגען
די קאַלטע ערד.

ווי אַזוי קען מען דאָ זיך אַנטקעגן שטעלן דעם רבינס „פילאָזאָפיע״ פון בלינדן גלויבן און פון אַנטקעגן גיין דעם שונא, זאָגנדיק:

מיר וועלן אים אַנטקעגן
גיין, אויף אַלע ענדן;
ס׳וועלן זיך די וואָלקן לייגן
ווי די שעפסן, און ביקן
צו די פיס;
און וואו דער שונא וועט זיך ווענדן
צו אונדז, אַזוי שלעכט, —
וועלן מיר זאָגן: „שעכט!
שיס
אין אונדז אַריין!״

אויפן פאָן פון דאָזיקן ווערטער־געפעכט איבער עטישע און מאָראַלע פראָבלעמען, דרינגט אַרויס דעם מחברס נעגאַציע צום בלינדן גלויבן. אָט דער גלויבן, וואָס דערשיינט אין דער גאַנצער לעכערלעכקייט, ווען אַ מיידל טרינקט זיך און עס געפינט זיך ניט קיינער צווישן די גלייביקע,

וואָס זאָל זיך וועלן וואַרפן איר צו ראַטעווען. בלויז דער כופר, ווי „דער שווערער ייד״, וואָס האָט דערוויל אָפּגעהוסט, גיט איבער:

הערט... הערט נאָך:
אַז זי איז אַרונטערגעפאַלן,
איז יעדער איינער געבליבן טויט
הינטער די אויערן, פאַר שרעק;
אויף גרויס און קליין געברענט די הויט.
מ׳זעט: ס׳וואַסער רייסט איר אַוועק,
די הערצער ציקן, צאַפּלען, —
שוואַרצאַפּלען
דרייען זיך איבער
אין די לעכער.
און ס׳איז נישטאָ קיינער
וואָס זאָל וועלן זיין אַ בעלן,
און זיך איילן
אַריינצוואַרפן אין טייך,
וואָס הייבט זיך הויך און העכער,
הייבט זיך אויף אין בערג,
צעפּאַלט זיך אין גריבער, —
ביז דער כופר גיט אַ שפּרינג,
ווי אַ פעדער גרינג,
און גלייך
איר אָנגעכאַפּט ביי די האָר.

און ווייטער:

מ׳זעט: דער כופר גייט,
גייט מיט דער גאַנצער ברייט
פונעם וואַסער,
וואָס ווערט מיט יעדע רגע גרעסער, —
ווי ער זאָל אויפן אָפּגרונט טרעטן;
די כוואַליעס ציטערן אַרום,

מיט זייערע צעפלאַכטענע גרזשיוועס
ווי ביי צעשראָקענע לייבן.

כאָטש דער רבי קען זייער ניט פאַרטראָגן, אַז מען גלייבט דעם כופר:

מ'טאָר נישט גלייבן
אים,
און אין זיין מופת!

די ערשטע טייל פון דער מיסטעריע פאַרענדיקט זיך מיט אַ וויזיע פון שלאַכט-פעלד, וואָס איז פול מיט טויטע, און איבער וועלכע עס פראַוועז אַ שוידערלעך מאַלצייט כלערליי שרצים, וואָס לעבן פון פגר...

דער מענטשלעכער אומזין קומט צו זיין קלימאַקס.

ג

וואָס מער מען דרינגט אַריין אין די טיפענישן פון דער „פראָך"-מיסטעריע, אינעם גאַנצן געפלעכט פון גראַמען, ווערטער און בילדער-וויזיעס, אַלץ מער דערפילט מען זיך, ווי מען וואַנדערט אין אַ וואַלד אָן אַ סוף... בימקאָס ריכטיקע אָבער דאָך-איינציקע — הנחה, אַז די מלחמה איז אַן אומזין, איז דאָך ניט גענוג צו פאַרפילן אַזאַ גרויס ווערק; כדי צו זאָגן איין איינציקן אמת, איז בשום אופן ניט נייטיק געווען אַזוי פיל ווערטער און פראַזן. און דער שטן אַליין, מיט זיין גאַנצער רעוואָלוציאָנערער מיסיע, קען אויף זיך ניט טראָגן די לאַסט פון פינף גרויסע טיילן אין אַ מיסטעריע... אָרום די עטלעכע וויכטיקע טיראַדעס פון שטן, זענען אַרומגעוואַקסן צופיל ווערטער, וואָס אויב אפילו זיי הינקען אונטער אין קינסטלערישן פרט, דערפילן זיי אָבער דעם קינסטלערס געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע, פון זאָגן אַ ריכטיק וואָרט.

צו די זעלנער, וואָס טאָפּטשען איבער די צעבלוטיקטע שלאַכט־פעלדער, אונטער דער בייטש פון דיסציפּלין און בלינדער געהאָרכזאַמקייט, זאָגט דער שטן:

צעררייסט
דעם בלינדן פּאַדעס,
וואָס מאַכט אייך פאַר עבדים,
עבדים פון אַ בלינדן האַר.

מאַכן אָבער די וויטערדיקע שורות קאַליע דעם גאַנצן ריכטיקן געדאַנק צוליב זייער אינהאַלטלאָזן גראַם:

ער, דער האַר,
האָט אייך פאַרשפּיגן
מיט זיידענע דרימען
פון שטומען, שטומען
צער.

נאָך גוט, וואָס עס קומען וויטער פערזן, וואָס רעהאַביליטירן געדאַנקלעך דאָס פריערדיקע:

איר מוזט נעמען די לייצן
אין אייערע הענט,
אויפשטיין
פון גרויס ביז קליין,
און ווערן דער האַר
איבער זיך אַליין.

אַ ווײלע דאַכט זיך, אַז בימקאָ האָט אָנגעכאַפּט דעם געזעלשאַפטלעכן פּאַדעם פון דער אידייע, וואָס ער האָט זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוברענגען. אָט פרעגט שוין אפילו איינער מיט פאַרביטערונג:

און ווי אַזוי צעררייסט
מע זיי, די קייטן?
און די זעלנער
צוריק אויף מענטשן פאַרבייטן?

ענטפערט אים צווידייטיק דער שטן:

ס'איז אייער וועלט —
זי שטייט ביי אייך
איין אין די הענט.

וואָלט דאָס אַליין געווען גענוג, ווען בימקאַ אָפּערירט ניט מיט אַ ים פון אומנייטיקע ווערטער, וואָס זענען מער ווי שוואַכע פּערזן...

נאָך ערגער פון שוואַכע פּערזן, זענען אָבער אַזעלכע „וויזיעס", ווי די מיט דער הייליקער מוטער, וואָס אַנטפּלעקט זיך אומגעריכט, כדי, אפּנים, זיך קעגנצושטעלן דער מרידה... די ווערטער, וואָס בימקאַ לייגט אַריין דער „הייליקער מוטער" אין מויל, זענען פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז ס'איז פּשוט ניט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי זיי האָבן געקענט באַווייזן דעם „נס" פון „צעטרייבן אַלע ספיקות" ביי די מורדים, אַז יענע זאָלן מיטאַמאָל דערפילן —

— אַ פרייד צו די אויגן...
— פון פינצטערניש אַרויסגעצויגן...
אייך ליכט געצייגט.
און פון אייער ברוסטן אָפּגעזייגט...

ד

... נאָך אַלעם, מוז דאָס בלאָנדזשען אין טיפסטן וואַלד, דאָך אַמאָל פירן צו אַן אויסגאַנג. די ביימער מוזן זיך ערגעץ אויס־לאָזן, זיי הייבן אָן שיטערער ווערן, שטאַרקע פאַסן ליכטיקייט הייבן זיך אָן צו מערן — די כימערעס פאַרשווינדן...

אין „פּראָך" מוז מען אַזוי בלאָנדזשען ביז דעם פערטן טייל: „אונטער בלייערנע הימלען", וואו די מיסטיק נעמט אָפּטרעטן ווי דער שד פאַר ווייַרויך, און עס טרעט אַריין בימקאַ דער דראַמאַטורג־רעאַליסט.

מיטאַמאָל נעמען בלאָס ווערן און צערינען אַלע צוועקלאָזע ריידע־רייען, און עס הייבן אָן צו קומען מענטשלעכע ווערטער. עס לעבן אויף בילדער, וואָס ווייזן דאָס אמת'ע פּרצוף פון מלחמה, אַזוי ווי זי איז אויפגעגאַנגען פאַר בימקאָס אויגן: קראַנקהייטן, עפּידעמיעס, הונגער, — יענע אַלע פּלאָגן, וואָס האָבן אין דער וועלט־מלחמה פאַר־פּייניקט און אומגעבראַכט די שווער־געפּרואוווטע באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע געביטן.

ערשט אין דעם טייל באַקומט מען אַ באַגריף, וויפל בימקאָס „פּראָך" וואָלט קינסטלעריש געווינען, ווען די גאַנצע דראַמע איז ניט קיין „מיסטעריע", נאָר ווערט געהאַלטן אין זעלביקן גייסט פון רע־אַליזם און פריי פון אומפאַרשטענדלעכע רעפלעקסיעס.

די בילדער מיט די גאַסן־מיידלעך וואָלטן נאָך מער געהאַט זייער באַרעכטיקונג מיט זייער בולטן רעאַליזם, ווען זיי זענען ניט פאַרפלאָכטן אין אומנייטיקן „מיסטיציזם". דורך דעם ווערט אַלץ שוואַך באַהאַפטן און עס פאַרלירט זיך דער צוזאַמענהאַנג פון די בילדער.

פונדעסטוועגן, וועלן פאַר די וואָס האָבן מיטגעמאַכט די גרולי־קע מלחמה־יאָרן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע, אין אָט דעם טייל פון בימקאָס מלחמה־פּעריאָד, אויפגיין טראַגישע וויזיעס פון יענע צייטן. עס וועט אויפגיין די גאַנצע טראַגיק פון אַ דור, וואָס איז אומגעקומען און זיך געראַנגלט מיט כלערליי עפּידעמיעס און מיתה משונהס. צייטן, ווען זעלטן עמיצער האָט אויסגעמיטן דעם טראַגישן גורל, און אויב ניט אַליין געווען באַרירט — צושטייער געגעבן אַ נאָענטן, אויפן מזבח פון עפּידעמיע און טויט. פאַר די אַלע, וועמען די דאָזיקע איבערלעבונגען זענען ניט פרעמד, וועלן בימקאָס וויזיעס אַרויסרופן אינערלעכן אויפשוידער.

אין דעם דאָזיקן מלחמה־קאַראַהאָד באַגעגענען מיר זיך מיט אַן אַלטן באַקאַנטן: מיט לייזער מאַכלס, דער באַלעבאַטיש נגידישער ייד פון די „רעקרוטן". דער, וועמעס זונדל ווערט ביים פּריזיוו „אָפּגע־לייזט" דורך דעם הפקר־יונג, בערילע.

איצט טרעפן מיר אים זיך אומקערן אין חרובן שטעטל מיט זיין ווייב און קינד, ער געפינט אָבער ניט קיין זכר פון זיין הויז.

מיר דערוויסן זיך, אַז דער דאָזיקער לייזער מאַכלס, צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע „שיינע יידן" האָבן אין אַלגעמיינעם אומגליק ניט דער־לייגט די באָבעס ירושה, זיי וואָלטן זיך געוואונטשן אַלע יאָר אַ קליין מלחמהלע...

מיט אָט די פּאַרשוינען אין זייער ריכטיקן גלגול, באַקענט אונדז בימקאָ אין זיינע ווייטערדיקע מלחמה־דראַמעס.

ה

... מען פילט זיך אַ ביסל מיד נאָכן האָבן דורכ־געוואַנדערט אַלע פינף טיילן פון „פּראָד". אַ וועג אַ שווערער, אַ ווייטער און אומבאַקוועמער. זיך טאָפּטשען צווישן אַזוי פיל פּורעניותן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסע וועלט־מלחמה: בימקאָ האָט אַלץ געטאָן אונדז צו באַווירקן מיט די וויזיעס פון זיין מיסטעריע, אונדז צו מאַכן פילן דעם שווידער פון דאָזיקן אומזין. מיט אָט דער פּלאָג, וואָס דערשיינט אַלס אייביקער פאַטום פאַר דער מענטשהייט. נאָר אַז מען קומט ענדלעך בשלום אַריבער דעם שווערן וועג פון מענטשלעכן עלנט אוןליידן, דערזעט מען מיט־אַמאָל אַז... מען איז אין ערגעץ ניט דערגאַנגען. דער פינצטערער געפערלעכער וואַלד איז טאַקע אויס, אָבער קיין ליכט זעט זיך ניט פון ערגעץ אַ מענטשלעכן ישוב... וועלף באַגלייטן די רעשטלעך לעבן געבליבענע מענטשן, גיריקע, זיי צו פאַרצוקן אויף די שנייאיקע וועגן. און ער, דער הויפּט־מחותן, דער שטן, וועמען קיין שום גייס־טיקער כוח האָט די גאַנצע צייט ניט געקענט בייקומען, בלייבט אַלץ ווייטער דער אייביקער מענטשלעכער באַגלייטער:

כ'גיי אייך נאָך אומעטום.
אַלע וועגן פירן אַרום
די וועלט —
אַלע טייכן אין ים;
דער רוים איז מיין געצעלט,
און מיין אָטעם — דער העלער פלאַם

פון אייביקן גיהנום;
פאַרנאַכט ביים טייך
און בייטאָג אין שאָטן
פון בוים, וועל איך אַלץ זיין מיט אייך
ווי פון אייביק אָן, דער שטן.

וואָלט שוין בעסער געווען צו פאַרענדיקן אַ ביסל פריער, מיט די רייד פון דעם פריערדיקן:

אַז די וועלט זאָל צוריק
ווערן אויפגעריכט,
קומען אַ משיח,
און ווי אַ שוואַם
איינזאַפּן אין זיך
די נאַקעטע פּיין,
און אויפשטיין
אַלע —
צונויפגעגאָסן אין איין כוואַליע,
און אַריינעמען די וועלט
אין אירע הענט...

אָט, אָט ווי בימקאַ איז געווען נאָענט פונעם אויסוועג. דעם איין־איינציק ריכטיקן אויסוועג פונעם אייביקן מלחמה־קאַראַהאַד. היינט, פאַרוואָס אים פאַרביטן אויפן רעזיגנאַציע־וועג פונעם שטן? כ׳לעבן, דער פריערדיקער און קאָלעקטיווער, איז אַ סך ריכטיקער און נעענטער צום לעבן, צו דער רעאַליטעט, צום עצם מהות פון בימקאַס שאַפן — איידער דער אומקלאָרער, — ווי דער פאַרפּלאָנטערטער וועג פון דער מיסטעריע, וואָס פירט סוף־כל־סוף אין ערגעץ ניט... דעם שריפטשטעלערס מיסיע אין לעבן איז פּאָרט דאָס קלאָר מאַכן, דאָס אויסקלייבן און אפילו דורכשניידן אַ וועג אין לעבן פאַר די, צו וועמען מען קומט מיט כוח פון קינסטלערישן וואָרט. דאָס איז אַ שיינע און בכבודיקע אויפגאַבע, צו וועלכער בימקאַ איז באַרעכטיקט זיך צו באַהעפטן.

ווינטן

א

אוודאי איז מיט „פּראַך" נאָך ניט געווען ביי בימקאָן אויסגעשעפּט די פּראָבלעמען, וואָס די מלחמה האָט אין יידישן לעבן אַרויסגערופן. בימקאָ האָט געמוזט דערפילן און ממילא זיך ווידער אומקערן צו אַט־די פּראָבלעמען אין זיין ווייטער־דיקן דראַמאַטישן שאַפן.

איצט איז בימקאָ שוין געווען פריי פון זיינע אומרעאַלע מיסטישע וויזיעס און אַבסטראַקציע־קאָשמאַרן, וואָס קומען אין „פּראַך" צום אויסדרוק. ער קערט זיך אום צום אייגנטלעכן מהות, צוהערנדיק זיך צו דער אינערלעכער שטום פון זיין געזונטן רעאַליזם.

אַזאַ איז זיין צייט־דראַמע „ווינטן".

אַ דראַמע, וואו דאָס פּראָבלעמאַטישע גייט האַנט ביי האַנט מיטן שטייגערישן. בימקאָ האָט זיך דאָ געשטעלט דעם ציל, צו פאַרפיקסירן אַ שטייגער־בילד פון די מלחמה־טעג איבער שטעט און שטעטלעך אין יידישן לעבן.

פיינטלעכע מחנות — רוסן מיט דייטשן — שלאָגן זיך. שטעט־לעך ווערן חרוב, די אַלטע מאַכט טרעט אָפּ און די נייע, אַ דייטשישע — קומט. עס שאַפט זיך אַ נייער לעבנס שטייגער, אַן אָקופּאַנטישער, אַ שווערער, מיט נייע אומבאַקאַנטע לעבנס־אַספּעקטן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער תקופה פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען די שטימונגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג צו דער דייטשישער אָקופּאַנטישער מאַכט; אויפן פאָן פון דער נייער טראַגישער ווירקלעכקייט מיט דער היטלעריסטיש־וואַנדאַליסטישער אָקופּאַציע ביי פוילנס צווייטער קאַטאַסטראָפע, — דערשיינט שוין איצט בימקאָס פאַרפיקסירטער שטייגער לעבן, ווי אַן אידיליע...

ווי אַזוי האָבן זיך יידן מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק באַצויגן צו דער דייטשישער אָקופּאַציע?

אַ פאַקט ניט צום אָפּלייקענען, אַז די מערסטע יידן זענען געווען צופרידן מיטן קומען פון די דייטשן. די צרות, וואָס מען איז אויסגעשטאַנען פון די צאַרישע אַרמייען, סיי ביים אויפהאַלטן זיך אין די שטעטלעך און נאָך מער ביים אָפּטרעטן, האָבן גורם געווען צו זען אין די אָקופּאַנטן פשוט דערלייזער...

אָט טרעטן די דייטשן אָפּ צייטווייליק, געזעגענען זיי זיך מיט די יידן פריינטלעך, איבערלאָזנדיק זיי פּראָוויאַנט און האָלץ.

פאַראַן אויך יידן וואָס זענען שוין צופרידן, וואָס די אָקופּאַנטן טרעטן אָפּ. זיי האָבן זיך זייערע סיבות ניט צו זיין צופרידן מיט די דייטשן — ווייל אונטער דער פריינטלעכער מאַסקע איז ס'רוב געווען באַהאַלטן געננוג שלעכטס פאַר דער באַפעלקערונג.

ווער ס'האָט מיטגעמאַכט דעם גורל פון געפינען זיך אונטער דייטשישער אָקופּאַציע אין דער וועלט־מלחמה, זיך נענטער באַקענט מיט דייטשישע סאָלדאַטן, דער האָט אין ניט ווינציק פאַלן געזען אויפגיין דעם דור היטלעריסטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה...

ב

שטעטלדיקע יידן דיסקוטירן וועגן עצם מהות פון מלחמה. בימקאָ ברענגט צום אויסדרוק דעם קליינשטעטלדיקן פּרימיטיוון באַנעם פון דעם פּראָבלעם, באַזירט אויף אַן אַלטן שאַבלאָן: ס'מוז ווערן אַ מלחמה, ווייל ס'קלייבט זיך צופיל אָן מענטשלעך גוטס, אָדער גאָר מענטשן אַליין, — ממילא מוז מען אַ סך אָוועקהרגענען, — אַז ס'זאָל פון אַלעם ווינציקער ווערן: און דערנאָך ווידער אויפסניי צוריק אָנהייבן, איננאַנצן אויפסניי...

ניט מער, דער אַלטער רב שמואל מיט זיין געזונטן, מענטשלעכן, איינגעבוירענעם הומאַניזם, קען ניט תופס זיין אַזאַ לאָגיק: ס'איז נאָר ווי און ווינד יענע, וואָס ס'פאַלט אויף זיי אויס אַוועקצוגיין, און מוזן מאַכן געווימער פאַר אַנדערע... ער קען אויך ניט באַנעמען, דער אַלטער פאָלקס־מענטש: פאַרוואָס זאָלן מענטשן, דורכדעם וואָס זיי

זענען שטאַרקער, וועלן אומברענגען די שוואַכערע, — זיי זאָלן זיך בעסער האָבן?... און נישט זען אַדורכצוקומען ווי־ס׳איז, אַפּילו לעבן בדוחק, טיילן מיטן לעצטן ביסן?...

דאָס איז אַ פיינער, עכט־יידישער הומאַניזם, וואָס וואַרצלט אין פשוטן פאָלקס־פּרימיטיוו. מען קען דאָך ניט פאַרלאַנגען פון רב שמואלן, ער זאָל זיך גיין פּרוּוון פאַנאַנדערקלייבן אינעם פּלאָנ־טער פון אימפּעריאַליסטישע שטרייטיקייטן פאַר וועלט־הערשאַפט אויפן חשבון פון מענטשלעכע לעבנס, פון פעלקער גאַנצע, וואָס ווערן מקריב צוליב אַט־די עגאָאיסטישע אינטערעסן פון פּריווילעגירטע שיכטן. נייַן, ער וועט שוין ניט באַנעמען, אונדזער פרומער ייד אין קליינעם שטעטל, איבער וועמעס קאָפּ דער גרויסער אימפּעריאַליסטישער וועלט־גערANGEL שפּילט זיך אָפּ.

ווי זאָגט דאָרט בלומע, דער קליינער רייזעלעס מוטער, דער־קלערנדיק דעם נייגעריקן קינד, דעם תמצית פון מלחמה:

אַז איין קייסער איז בייז אויפן אַנדערן — שיקט ער זיינע מענטשן אין די מלחמה אַריין, זיי זאָלן זיך גיין שלאָגן מיט יענעמס קייסערס מענטשן...

און די קייסערס אַליין? — פרעגט די קליינע.

זיצן אין שטוב און שפּילן זיך...

פונדעסטוועגן פאַרשטייט אָט די פאָלקס־מאַמע, אַז — די קיסרים וואָלטן זיך געברויכט אַרויסגיין שלאָגן וואָלט קיינמאָל קיין מלחמה נישט געווען... סוף כל סוף איז דאָך שווער פאַר קינדער אויפצו־קלערן — פאַרוואָס מענטשן שלאָגן זיך. אַז מענטשן שלאָגן זיך ניט בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן מורא, מען זאָל זיי דערפאַר ניט הרגע־נען, נאָר ווייל זיי איז שווער זיך צו באַפרייען פון אוזורפּאַטאָרישן היפּנאָז פון זייערע הערשער, וואָס האָבן זינט טויזנטער יאָרן דער־צויגן דעם מענטש אין גייסט פון מלחמה־קולט, אויף דער פּאַטאַלער אומפאַרמיידלעכקייט פון פעלקער־קאַטאַקליזמען. מען האָט קולטיווירט אָט דעם בעסטיאַלן אינסטינקט ביי מענטשן, אים אַרומגעהילט מיט שיינע ווערטער, וואָס זענען אין תוך טאַקע אַזוי פאַלש, ווי די אילו־זאָרישע אידעאַלן, וואָס מען וויל געבן אַלס אויסגאַנג־פונקט יעדע אימפּעריאַליסטישע מלחמה. אין דער סכעמע פון בימקאָס ניט ריין קלאַסיש־פּראָבלעמאַטישע דראַמע, פּאַסט זיך אַזאַ פאָרמולע שווער

אריין. דערפאר האט זיך בימקא געמוזט האלטן אויפן פאן פון קינ־דישן פרימיטיוויזם. אבער אין דער מאמעס פשוטע, פאלקסטימלעכע דערקלערונגען, ליגט א פיינער אמת.

ג

אין דריטן אקט אנטוויקלט זיך די דראמע פון דער ספעציפיש יידישער מארטעראלאגיע אין די דאזיקע גרויליקע שחיטה־טעג, וואס אין די קליינע שטעטלעך צווישן די פראנטן, ביים בייטן זיך פון איין מאכט מיט דער צווייטער.

די צוריקגעקומענע צארישע חילות, נאכן פארטרייבן צייטווייליק די דייטשן, באגייען זיך אכזריותדיק מיט דער יידישער באפעלקע־רונג. רויב, געוואלד־אקטן און שענדען פרויען זענען געווען טעגלעכע דערשיינונגען. די צארישע חילות האבן זיך אין יידישע שטעטלעך אויפגעפירט ערגער ווי אין אקופירטע פרעמדע געביטן. יידן האבן געלעבט אין פערמאנענטער שרעק פאר באמבעס פון די נאענטע פראנטן, מען האט טעג און וואכן פארבראכט אין די פארשטיקטע קעלערן. עס געדענקען זיך נאך גוט „יענע" צייטן, וואס זענען געווען א פרעלודיע צו די צייטן פון צווייטן חורבן, דעם היטלעריסטישן. פון דעם קוקווינקל איז בימקאס דראמע שוין איצט א צייט־דראמע מיט א באשטימטן קולטור־געשיכטלעכן ווערט.

א חוץ דעם ריין דראמאטישן און אפטמאל טראגישן שטאף פון יידישער מארטעראלאגיע, האט בימקא פאראייביקט געוויסע כאראק־טעריסטישע שטריכן פון יידישער קליינשטעטלדיקער מענטאליטעט, וואס איז דעמאלט געקומען צום אויסדרוק.

אין יענע טעג, ווען צענדליקער טויזנטער יידישע פאמיליעס האבן געמוזט פארלאזן זייערע היימען, צוליב ניקאלאי ניקאלאיעוויי־טשעס באפעל צו פארטרייבן די יידן פון די פראנט־געביטן, האט זיך אנגעהויבן דער גוואלדיקער שטראם פון היימלאזע אין די טיפערע צענטערן פון דער רוסישער מלוכה. אין יענע צייטן האט דאס רוסישע יידנטום, איבערהויפט פון פעטערבורג, אנטוויקלט א ברייטע הילפס־טעטיקייט לטובת די אומגליקלעכע. גלייכצייטיק האט מען רעגי־

סטרירט אַלע היזקות פון דער מלחמה, כדי יידן זאָלן שפּעטער האָבן די מעגלעכקייט ווידער אויפצובויען זייערע צעשטערטע הייזער אָדער איינאָרדענען זיך מיט פּרנסה. דעמאָלט האָבן אַלע יידישע קבצנים אויפגעגעבן חשבונות פון פאַרמעגנס, וואָס זיי האָבן אין חלום קיינ־מאָל ניט געזען... ביים באַקומען שטיצע פון הילפס־אינסטיטוציעס, פלעגן אָרעמעלייט זיך אויסבאָרגן קינדער, זיי מיטנעמען אין „קאָמי־טעט", כדי צו באַקומען וואָס מער שטיצע... אַ שטריך פון קליין שטעטלדיקער ביטערקייט.

אַזעלכע פאַקטן און שטריכן, האָט בימקאָ ניט ווינציק אויפגע־קליבן אין זיין דראַמע. ער פאַרפיקסירט און פאַרקערפּערט אַ שטיק עפּאָכע, וואָס גייט אַוועק אין דער אייביקייט צוזאַמען מיטן דור, וואָס האָט עס איבערגעלעבט.

ד

אַ חוץ דאָס צייטלעכע און שטייגערישע פון אַ באַ־שטימטער תקופה, האָבן אין זיך „ווינטן" אויך אַ פּראָבלעם, וואָס וויל דאָמינירן די דראַמע: בלומעס טראַגעדיע מיט דער שאַנד פון איר פאַרגוואַלטיקט ווערן דורך אַ רוסישן סאָלדאַט, אין דער צייט ווען איר מאַן איז געווען אויפן פראָנט. זי, בלומע, די יידישע טאָכטער, קען אַזאַ חרפה ניט אַריבערטראָגן. ווען דער מאַן קומט צוריק צוזאַמען מיט זיין מיליטער־טייל, פאַרטרייבנדיק די דייטשן, דערוואוסט ער זיך פונעם אומגליק. ער באַנעמט עס אָבער — דאָס איז שוין ניט אַזוי נאַטירלעך אין יידישע קרייזן — אויף אַ מענטשלעכן און גרויסמוטיקן אופן. ער באַשולדיקט קיינעם ניט אינעם אומגליק, פאַרקערט: ער טרייסט זיין ווייב, וואָס פילט זיך קראַנק און מאַמעדיק צעבראָכן. עס העלפט אָבער ניט: אין דער נאַכט ווען די רוסן פאַרלאָזן צום צווייטן מאָל דאָס שטעטל, מאַכט זי אַ סוף צו איר לעבן.

האָבן מיר דאָ ווידער אַ ספּעציפיש יידיש פּראָבלעם פון פאַר־גוואַלטיקונג. ביי אַנדערע פעלקער דערפירן אַזעלכע פּאַסירונגען זעלטן — אויב לגמרי ניט — צו אַזעלכע טראַגעדיעס. האָבן מיר,

הייסט עס, דעם פּרואוו־שטיין פון דער אַלטער יידישער עטיק אויפן פייער פון וועלט־קאַטאַקליזמען. פונדעסטוועגן... אין בימקאַס דראַמאַטישער פאַרמולירונג, פילט זיך ניט די מיטרייסנדיקע קראַפט פון זיינע דראַמאַטישע פּאַטענצן, ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין אַנדערע זיינע ווערק. עס נעמט זיך אפשר דערפון, וואָס וועלנדיק שאַפן אַ צייט־דראַמע, האָט בימקאָ מער אַכט געלייגט אויף די באַזונדערע שטריכן, פאַקטן און עפּיזאָדן, וואָס כאַראַקטעריזירן מער דאָס צייט־לעבע, ווי דאָס אייביקע, דאָס עטישע, — איז דעריבער דער ערשטער פאַקטאָר ניט געוואָרן דער צענטראַלער אַקט פון דער דראַמע, ווערט דעריבער אָט דער הויפּט־פאַקטאָר, דער רוקן־ביין פון דער דראַמע, פאַרהוילן און צעשווימען אינעם שלל פון מאָמענט און שטייגער־בילדער פון דער מלחמה גופא.

עס שוואַכט אויך אָפּ דעם רעאַלן ווערט פון דער דראַמע דאָס, וואָס ס׳רוב רעדן דאָ ניט די מענטשן קיין פשוטע מענטשלעכע שפּראַך. צופיל „ליטעראַטור״ פאַר אַזעלכע פאָלקס־מענטשן ווי בלומע, איר מאַן עזריאל, צי גאָר דער אַלטער רב שמואל. בימקאָ האָט דאָ ניט אויסגענוצט זיין נאַטירלעכן שפּראַכלעכן רעאַליזם.

„ווינטן״ בלייבט אָבער אַ דראַמע פון אַ קולטור־געשיכטלעכן אינטערעס און באַדייט.

מויערן

א

אין דער דאָזיקער דראַמע קומט צום ערשטן מאָל, אין פולער קראַפט, צום אויסדרוק בימקאָס דראַמאַטישער טאַלאַנט.

צום ערשטן מאָל איז אַ שטייגער און צייט-דראַמע, איז בימקאָן געלונגען שאַפן דעם געהעריקן סינטעז צווישן אַלע עלעמענטן אין זיין דראַמע: שטייגער, צייט און פּראָבלעמאַטיק. דערמיט ווערט „מויערן" דאָס קרוין-ווערק פון בימקאָס דראַמאַטישן שאַפן און איינס פון די שטאַרקסטע אין דער יידישער דראַמאַטורגיע.

דער דראַמאַטישער שטאָף:

מלחמה-צייט. פרעמדער אָקופּאַנטישער יאָך איבער שטעט און שטעטלעך. אויפגעקומענע גבירים מיט גראָבע מאַנירן, זוכן צו באַהערשן מיט זייער געלט, מענטשן, — איבער ווענען זיי האָבן אין נאָרמאַלע צייטן ניט געוואַגט צו חלומען. פאַראַן אָבער אַ גרענעץ אין די רייך געוואָרענע פּאַרלאַנגען, וואָס קען ניט דערגרייכט ווערן, ווייל — די גאַנצע רייכקייט פון גראָבע יונגען איז אַ צופעליקע, און זי באַצירט זיך אויפן טעכטערל, וואָס... „נעמט אויס" ביים גענעראַל... הערט אויף אָט דער כימערע־כּוח צו ווירקן — טוט זיך אָפּ דער כישוף פון אויפגעקומענער רייכקייט און אַלץ פאַלט זיך אומרחמנותדיק פאַנאַנדער.

פון אָט די אַלע עלעמענטן איז געוועבט די דראַמע „מויערן".

אויפן באַגרענעצטן באָדן פון איין פאַמיליע — הגם ס'ברייטערט זיך אויס צו אַ כלל־דערשיינונג — האָט בימקאָ אויפגעשטעלט אַ בנין און באַרירט אַ פּראָבלעם, וואָס איז געווען אַזוי אַנגעווייטיקט ביז טראַגיזם אין יידישן לעבן בשעת דער דייטשישער אָקופּאַציע אין

פוילן, און בשעת דער וועלט־מלחמה. יענער אייגנטלעכער דראַמאַ־טישער שטאָף, וואָס איז אין אַ היפּשער מאָס געקומען צום אויסדרוק אין דער נאָך־מלחמהדיקער יידישער ליטעראַטור, הויפּטזעכלעך אין עוזר וואַרשאַווסקיס „שמוגלערס". ניט מער, די דראַמאַטישע פאָרם איז באַגרענעצטער, איז דעריבער נאָך שווערער אַלץ צו קאָנצענטרירן צום גורל פון איין פאַמיליע, וואָס ווערט דער צענטער פון דער דראַמע.

ב

אין פּראָלאָג פון דער דראַמע, טרעפן מיר אַן אָרעמען ייד, אַ נבלה שינדער, אַ גאַרבער, קאַפּלעקיבאַ מיט זיין ווייב טויבע, מיט וועלכער ער קריגט זיך שטענדיק פון געוואוינהייט. זיי לעבן ערגעץ ביי דער שטעטלדיקער ראַגאַטקע, מיט זייערע פיר קינדער, צוויי טעכטער און צוויי זין, פון וועלכע איינער לעבט פון גנבות מיטן טאַטנס וויסן. מאַטערט זיך די פאַמיליע פּראַסטאַקעס פאַרן שטיקל פּרנסה.

אין ערשטן אַקט טרעפן מיר שוין אַ גאַנצע איבערקערעניש אין קאַפּלעקיבאַס משפחה: מען לעבט אין רייכע דירות מיט נייע מעבל אויפן גרויסן פאַרנעם.

ס'איז מלחמה־צייט. איבער שטעט און שטעטלעך האָבן זיך פעסט באַזעצט אָקופּאַנטישע אוזורפּאַטאָרישע גענעראַלן, אין וועמעס הענט עס ליגט דער גורל, ניט נאָר פון לעבן און טויט פון דער באַפעל־קערונג, נאָר אויך פון פּרנסה־קוואַלן. ס'איז די צייט פון „אומלעגאַלן" שמוגל מיט לעבענס מיטלען און אַלעם בייטיקן. ווער ס'איז ניט נושא־חן ביים גענעראַל איז פאַרמשפּט צו נויט און דחקות און ווער ס'איז יאָ נושא־חן — דער איז פאַרזאָרגט מיט רייכקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז אויסנעמען ביים גענעראַל, האָבן געקענט נאָר שיינע מיידלעך. האָבן זיך געפינען געַנוג באַלעבאַטישע טעכטער, וואָס האָבן ביים גענעראַל אַלץ געפּועלט, און אָפטמאָל מיט זייער בפירושן שטויסן זיך אויף די גליטשיקע וועגן פון „פּועלן" ניט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר דער גאַנצער שטאָט:

...אַז כ'לאָז זיך אַרויס צום גענעראַל, וואַרט מיך שוין אָפּ אין דרויסן ביילע די רביצינס, — מ'לאָזט איר נישט מאַכן קיין דייף; כ'קום אויפן מאַרק, — די רויטע פּיגל רייסט שטיקער פון די הימלען: וואָס מ'לאָזט איר נישט קיין ליכט־ציען! אויף דער פּאָדשעניע כאַפּט מיך אַריין הירשל שמייסער, — מ'האָט צוגענומען ס'פערד!

אַ מין מאָדערנע אסתר המלכה!

זעען מיר טאַקע, מיט דער אַנטוויקלונג פון דער דראַמע, ווי קאַפּלעקיבאס יינגסטע טעכטערל, מילקע, נעמט אויס ביים גענעראַל, במילא איז שוין קאַפּלעקיבא פאַרזאָרגט מיט אַ קאָפּ־שווינדלדיקע רייכקייט. און — ווי עס טרעפט אָפט מיט פאַרגרעבטע, רייך־געוואָרענע לייט, וואַרפט זיך קאַפּלעקיבא — וואָס הייסט נאָך אַלץ ביי זיין ווייב מיטן צונאָמען: לעקיש־בער — מיטן גאַנצן כוח אויף דער רייכקייט. נעמענדיק זיין דעוויז: ניטאָ אַ זאַך וואָס מען זאָל ניט קריגן פאַר געלט — וויל ער אויסנוצן אַלע געלעגנהייטן, וואָס האָבן זיך פאַר אים געעפנט, כדי צו שעפּן פון לעבן מיט פולע הויפנס. ער זעט ווי פאַר זיינע אויגן קראַכט אַלץ פאַנאַנדער, אַ שטאָט איז פאַראָרעמט, רייכע איינגעפונדעוועטע מויערן ווערן איינגעבראָכן פון דער צייט, נאָר אים, קאַפּלעקיבאן, האָט דער צופאַל צוגעדינט: זיין טעכטערל... און ווייל אַלץ איז נאָר אַ צופאַל, וויל ער מיט זיין גאַנצער גראָבער גיריקייט, אַריינכאַפּן וואָס מער. די אַמביציע צע־שפּילט זיך ביי אים, אַ פאַרשכורטער פון מאַכט, איז ער טויב צום אַרומיקן, צו דער אַלגעמיינער נויט. ווי זאָגט וועגן אים זיין ווייב: פריער געשינדן פגירות — אַצינד שינדט ער מענטשן, נישט קיין חילוק; ער מוז זיך אָפּנעמען ס'זייניקע, זאָגט ער, און שינדן; זיך איינגערעדט: ס'קומט אים!

קאַפּלעקיבא דערפילט זיין כוח לגבי דער אַרומיקער נויט, ער וויל מען זאָל האָבן פאַר אים דרך ארץ ווי פאַר אַן אמתן גביר, און ווען מען קומט ענדלעך צו אים נאָך אַ נדבה פאַר דער שול, איז ער צופרידן:

...וואָס בין איך דען אַן אויפגעקומענער עושר? קאַפּלעקיבא איז באַלד געבוירן געוואָרן רייך, נאָר על פּי טעות געווען אַ שטיקל צייט אָרעם...

דערמיט באַווייזט ער זיין ברייטהאַרציקייט, להיפך צו דער טבע פון קאַרגע אויפגעקומענע גבירים...

ג

קאַפּלעקיבאַס אַמביציע וואַקסט צוזאַמען מיט זיין רייכקייט.

אים גייט שוין איצט ניט אין קליינלעכע כיבודים, וואָס די שטאָט טיילט צו יעדן גביר פון שטעטל. ער פאַרמעסט זיך איצט אויף איינצוברעכן די מויערן פון יחוס, וואָס זענען ביי יידן גאָר שטאַרק. אים, דעם פּראָסטאַק, גייט איצט אין לעבן צו געבן זיין עלטערע טאָכטער עטל, אַ דאָקטאָר פאַר אַ מאַן, און ניט סתם אַ דאָקטאָר, נאָר דעם פון דער יחוסדיקער פאַמיליע עפנער, וואָס פילט זיך איצט פאַראָרעמט און מוז דעריבער מיט אינערלעכן ווייטיק אַקצעפּטירן דעם שידוך...

באַזונדער שווער פילט די געבראָכנקייט, דעם דאָקטאָר עפנערס מוטער:

מער ווי הונדערט יאָר איז געשטאַנען אַ מויער און די עפנערס האָבן פון איר אַרויסגעלייכט.

זי וויס די טראַגעדיע פון איר זון, ווען ער מוז זיין מיט די קאַפּלעקיבאַס:

און אַ שטאַם גייט אונטער אויף אַן אַנדערע ערד; דער זאַפט אין די וואָרצלען טרוקנט אויס, און זיי נעמען זיך ברעכן... קרישלען...

דער זון אָבער, דער דאָקטאָר, מיט זיין איינגעבוירענער איידלקייט, באַציט זיך מענטשלעך צו זיין פּראָסטער ווייב:

זי איז טאַקע נישט איידל געבוירן, אָבער אַ מענטש, ווי פּראָסט ער זאָל נישט זיין — דרעמלט אַ מאָל אין זיין בלוט אַן איינגעבוירענע איידלקייט, וואָס באַשיינט און באַחנט אים...

דאָקעגן, די מוטער באַהאַלט ניט איר איינגעלעבטן אַריסטאָקראַטיזם, אין באַצוג צו קאַפּלעקיבאַס ווייב, וואָס אין איר רייכקייט, האַלט זי אויף אירע איינגעבוירענע האָרעפּאַשנע שטריכן:

...כ'ליג מיך אַוועק אויף דער פּאָדלאָגע, — איז דאָס מיין ברויט און פּוטער... כ'האָב עס ליב ווי מיין לעבן...

און ווען קאַפּלעקיבאַס ווייב קען ניט צוקוקן ווי עמיצער אַרבעט פאַר איר, קען ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, נאָר זי רייבט ווייטער די פּאָדלאָגע, האַלט פרוי עפּנער גאָר אַנדערש:

ביי וועמען ס'וועלן זיך באַלד די הענט נישט ליגן און ביי וועמען — נישט אָפּשטיין דערפון; ווי איינער ס'ווערט געבוירן...

קאָפּלעקיבאַס ווייב, טויבע, איז ניט עטע־מעניע, פון שלום־עליכמס „צוויי הונדערט טויזנט". ניטאָ ביי טויבען קיין נאַרישער סנאָביזם, פון וועלן זיך פּוצן אין גבירישע קליידער פון „סעמיאָן מאַקאַראָוויטש". זי פאַרטראָגט אפילו ניט איר מאַנס, קאָפּלעקיבאַס בלאָזן זיך און ציען זיך ניט צו זיינס גלייכן. דערמיט בלייבט טויבע, קאָפּלעקיבאַס ווייב, אַ מענטשלעך, סימפּאַטיש געשטאַלט.

ד

אָבער קאָפּלעקיבאַס אַמביציע און מאַכט־דורשטיקייט, שטעלט זיך ניט אָפּ ביים איינברעכן די מויער פון דאָקטאָרישער יחוסקייט. אין זיין אינסטינקטיוון דראַנג נקמה צו נעמען פאַר זיין אַמאָליקער מאַכטלאָזער אָרעמקייט, זוכט ער אויך פאַר דער יינגסטער טאָכטער מילקע, זיך אַריינצוברעכן אין נאָך גרעסערע מויערן פון יחוסדיקער יידישקייט. ניט אַנדערש, נאָר אַ רבינס אַ זון מוז ער האָבן פאַר זיין טעכטערל, וואָס איז נושא־חן ביים געגעראַל.

...כ'רעד מיר איין מיט איר צו טאָן, כ'ווייס? גאָר אויס די וועלט אַרויס! אַ יונגערמאַן, בקי אין אַלע שבע חכמות; דער שורש — זייד און אַטלעס; מוזן האָבן היתר־הוראה; אַ טאַטן — אַ רבין, מיט קוויטלעך, גבאים, גבאי ראשון, גבאי שני, און זיי זאָלן מושר־טירן מיט די ווייבער, פּאַטשאַנגעס ווייבער...

און אויך דאָ האַלט קאָפּלעקיבא אָפּ זיין נצחון, ווייל אין יידישן לעבן איז אין יענער עפּאָכע שוין געווען אויף אַזוי פיל איינגעבראָכן און דורכגעפוילט דער פונדאַמענט פון דער אַלטער מאָראַל, אַז אויך רבנישער יחוס האָט זיך געבוקט פאַר געלט. די תורה־יידישקייט איז ניט געווען שטאַרקער ווי דער דאָקטעריש־וועלטלעכער בנין. פאַר־קערט: אין דאָקטערישן צד זעט מען ווייניקסטנס שטומען פּראָטעסט

און פאַרשטיקטער אומצופרידנקייט פון פרוי עפנער. זי פילט די ירידה פון איר קלאַס און אונטערדריקט שווער אירע ליידן, בעת דער רבנישער צד וויזט מער ווי הכנעה ניט אַרויס... ניט מער, אויב דער שידוך ווערט צוזאַמענגעבראָכן אין סאַמע־לעצטן מאָמענט פאַר דער מיט פאַראַד צוגעגרייטער תנאים, איז ניט קיינעמס שולד, די שולד ליגט הויפּטזעכלעך אין דעם, וואָס קאַפּלעקיבע האָט אין זיין גאַלאָפּ, אין זיין באַרג אַרויף, פאַרזען צוויי מאָמענטן: אַז זיין מאַכט איז אַ באַגרענעצטע, ווייל זי דרינגט ניט אַרויס פון די זאַכן גופא, און ווייל זי איז ניט קיין פאַרוואָרצלטע אין לעבן גופא, נאָר אָפּהענגיק פון אַ צופאַל, פון אַ מיראַזש, וואָס מוז זיך ענדיקן.

סיי זיין טאָכטערס אָפּהענגיקייט פון גענעראַל, איר איינפלוס איבער אים, און דעם גענעראַלס מאַכט אַליין, איז נאָר אַ כימערע, וואָס קען צו יעדער מינוט פאַרשווינדן און מיט דעם אַלעם, — קאַפּלעקיבאס מאַכט און רייכקייט...

און נאָך אַ זאַך האָט קאַפּלעקיבאַ ניט גענומען אין אַכט, זיך קיינמאָל וועגן דעם ניט געוואָלט פאַרטראַכטן: דאָס אינערלעכע געפיל פון זיין טאָכטער, דעם קרבן פון דער מלחמה; און כדי ניט איינצואוואַרפן דעם בנין, וואָס ער האָט אַזוי גיריק געבויט — אַז זיין טאָכטער ליידט דערפון, וואָס זי מוז זיין אַלעמענס שליח־ציבור, אַז זי פאַרמאָגט איר אייגן, פערזענלעך לעבן, וואָס קען זיין אומ־צופרידן און באַליידיקט צוליב איר ראָלע, וואָס מ׳צווינגט איר צו גיין צום גענעראַל:

...יעדעס מאָל, וואָס איך גיי אַריבער — ברענג איך דעם טאַטן אַ הויז און מיר אַ לאָך אין האַרץ... יעדן ווערט ליכטיק אין קאָפּ פון זיינע (דעם גענעראַלס — א. ב.) שמייכלען און מיר — פינצטער אין די אויגן...

אים, דעם טאַטן, פאַלט ניט איין, אַז עס קען קומען אַ מינוט, ווען זיין טאָכטער וועט האָבן גענוג, אַז אין איר וועט זיך שטאַרקן אַ ווידערגעפיל צו דעם גאַנצן טומלעריי... ניין, וועגן דעם איז קאַפּלעקיבאַ, אין זיין געיעג אַלץ צו דערגרייכן, ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן, און ווי אַ שכור האָט ער געזוכט אָנצוהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט, כדי ניט צו דערזען דעם, פאַר אים, צעעפנטן תהום...

ה

מיט אַ זיכערער האַנט פירט בימקאָ די דראַמע צו איר קולמינאַציעפּונקט, צו איר כסדרדיקער שטייגערונג און אויסגאַנג.

דער אומפאַרמיידלעכער צוזאַמענבראַך אין קאַפּלעקיבאַס לעבן קומט מיטאַמאָל, אַזוי אומגעריכט ווי ס'איז געווען זיין אויפשטייג.

דער גענעראַל, דערפילנדיק אַז זיין קרבן, קאַפּלעקיבאַס טעכ־טערל גליטשט זיך אים אַרויס פון די הענט, — קערט מיטאַמאָל אָפּ דעם חסד פון איר טאַטן. דאָס בויען פון דער שטאַט, צו וועלכן קאַפּל־עקיבא האָט זיך גענומען מיט אַזאַ ברען און פאַרמעסט און מיט זיין גאַנצער זיכערקייט אין זיך — ווערט מיט איינמאָל געשטערט. פון רבנישן שידוך לאָזט זיך אויס אַ בוידעם, וויבאַלד עס ווערט באַוואוסט, וואו דער הונט ליגט באַגראָבן... מילקע גייט אַ רעזי־גנירטע, אויפן אַלגעמיינעם פאַרלאַנג פון קהל, זיך משתדל זיין ביים גענעראַל, ער זאָל ניט אומגליקלעך מאַכן די שטאָט יידן.

אין אָט דער דראַמע האָט בימקאָ צום ערשטן מאָל באַוויזן דעם כוח פון זיין דראַמאַטישן טאַלאַנט. אַ כוח, וואָס באַזירט אויסשליסלעך אויף זיין געזונטן רעאַליזם, אין סתירה מיט יענע שאַפונגען בימקאָס, וואו ער פאַרלאָזט זיך הויפּטזעכלעך אויף די פליגל פון דער פאַנטאַזיע און איבערטרייבן.

אין דער דראַמאַטישער פאָרם האָט בימקאָ פאַרפיקסירט דאָס, וואָס עוזר וואַרשאַווסקי אין דער פּראָזע; אַנטבלויזט אַ טרויעריקן ווינקל פון דער יידישערווירקלעכקייט בעת מלחמה. אַ טראַגישע סיטואַציע, געשאַפן דורך די באַדינגונגען און דיקטירט פון ברוטאַלן דערהאַלטונג־אינסטינקט ביי מענטשן. ס'איז אַ צייט, וואָס האָט איינ־געבראָכן אַ סך מויערן פון עטיש־מאָראַלישע פּרינציפּן, אויף וועלכע דאָס אַלטע יידישע לעבן ביז דער וועלט־מלחמה האָט זיך געהאַלטן.

אין דער דאָזיקער דראַמע קריסטאַליזירט זיך שוין בימקאָס דראַ־מאַטישער סטיל, זיין געפּרעסטע פאָרם און שפּראַך, וואָס איז רייך אין ניואַנסן און פאָלקס־אויסדריקן.

אויך די פאַרשיידנאַרטיקייט פון זיינע פּערסאָנאַזשן און כאַראַק־טערן, קומען דאָ בולטער צום אויסדרוק. בימקאָס מאַניער פון גע־

פינען די דיסהאַרמאָניע צווישן מאַן און ווייב, איז דאָ מער צוגע־שפיצטער ווי אין זיינע אַנדערע ווערק.

טויבע, קאַפּלעקיבאס ווייב, מיט אירע איינגעלעבטע האַרע־פאַשנע אייגנשאַפטן, איז גאַר סימפּאַטיש אין איר קעגנזאַץ צום מאַנס כאַראַקטער. מיט איר געזונטן, רעאַלן אינסטינקט, זעט זי פריער אַרויס די קאַטאַסטראָפע. איר ציט עס בכלל צוריק צו דער „ראַגאַטקע".

און קאַפּלעקיבא פאַרמאָגט שוין אין זיך עפּעס פון דער אָרעמער האַרטקייט וואָס אין דער דראַמע דעמבעס: כאַראַקטער.

„מויערן" איז אַ דראַמע, וואָס רייסט מיט און לאָזט ניט גלייכ־גילטיק, איינס פון די שטאַרקסטע ווערק אין יידישן דראַמאַטישן רע־פּערטואַר.

גנבים

א

די דאַזיקע דראַמע איז, דאַכט זיך, איינציק אין דער יידישער דראַמאַטישער ליטעראַטור, סיי צוליב דער דראַמאַטישער מאַטעריע, וואָס זי האָט אין זיך און סיי — צוליב איר דינאַמיק, וואָס מאַכט פון איר איינס פון די לעבעדיקסטע בינע־ווערק.

אין דער דאַזיקער דראַמע, האָט בימקאָ צונויפגעזאַמלט אַ רייכן פאָלקלאָריסטישן און שפּראַך־אוצר פון אַ מיליע, וואָס איז ביז אים אין דער יידישער ליטעראַטור ניט געווען באַקאַנט.

דאָס שפּראַכלעכע, דער אָריגינעלער ווערטער־באַגאַזש פון בימקאָס פאַרשוינען פון דער אונטערוועלט, איז ביי בימקאָן דער עצם פון זיינע קינסטלערישע מיטלען פאַר אונדז אויפצולעבן אָט די מיליע. דורך דער אייגנאַרטיקייט פון זייער שפּראַך, וואָס איז אַ בילדערישע, באַקומען מיר דעם שליסל צו זייער אינערלעכער וועלט. זייערע באַזונדערע אויסדרוקספאָרמען, מאַכן בולטער די פולע האַרמאָנישע גאַנצקייט פון אַ באַשטימטן, אין דער פולער מאָס אָפּגעזונדערטן, לעבנס־שטייגער. אַ שטייגער־לעבן פון אַ קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס לעבן זיך אויס מיט אייגן באַשאַפענע באַגריפן, איינשטעלונגען און געוויסע פּרינציפּן פון עטיק און מאָראַל.

ביז בימקאָ האָבן מיר געוואוסט, אַז אַזאַ מיליע עקזיסטירט, מיר האָבן אויך געאַנט פון זייער לעבנס שטייגער דורך צאָלרייכע לידער און פאָלקלאָר, וואָס אונדזער ליטעראַטור האָט פאַרצייכנט. מיר האָבן אָבער ניט געהאַט קיין בילד פון זייער לעבן, פון זייער רעאַליטעט. ערשט בימקאָ האָט מיטאַמאָל פאַר אונדז אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג, און מיר האָבן באַקומען די מעגלעכקייט טיפער אַהין אַריינצובליקן. מיר האָבן דערזען זייערעליידן, פריידן, קאָנפליקטן, וואָס קרייצן זיך אויף

אַ באַזונדער אופן צווישן ליבע און האַס, מענטשלעכן צער און נשמה־ווייטיק. מיר האָבן אויפגעהערט שעפּן אונדזערע באַגריפן דורך גראַ־טעסקע לידער פון דער גנבים מיליע, ווייל בימקאָ האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט צו זען דאָס גאַנצע בילד אין קורסיוו. און רעפלעקטירט איז דאָס אַלץ דורך אַ ליכט־אַפּעראַטאָר, וואָס ווייסט ווי און ווען צו אַקצענטירן, צו קאָנצענטרירן זיין ליכט, כדי די אָדער יענע סצענע זאָל דערשיינען בולטער, דורכדרינגלעכער.

אָט האָט לייוויק פאַר אונדז אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג פון דער „אָרימער מלוכה". די וועלט פון בעטלער, שנאָרער, מענטשן וואָס דעקן זייער לעבן אין שמאַטעס. אויך דאָרט איז דער שטאָף אַ די־נאַמישער און אַ דראַמאַטישער, ווייל אויך דאָרטן קרייצן זיך קאָנ־פליקטן, סאָציאַלע און פּערזענלעך מענטשלעכע, אָבער ניטאָ ביי לייוויקן קיין שפּראַכלעכע אייגנאַרט, וואָס זאָל אָט די מיליע אויסטיילן, בולטער מאַכן. די מענטשן דאָרט רעדן מיט אַלעמענס שפּראַך. ניט שוין זשע פאַרמאָגט ניט די בעטלער־וועלט קיין אייגענעם שפּראַך־אוצר, וואָס זאָל זי כאַראַקטעריזירן?

גראָד דאָס שפּראַכלעכע שפּילט אָבער ביי בימקאָן אַ גרויסע ראָלע און מאַכט די דראַמע שטאַרקער, אוממיטלבאַרער און מען קען זאָגן — קלאַסישער.

ב

אַ חוץ דעם שפּראַכלעכן, ווייס בימקאָ אויסגעצייכנט זיך צו באַנוצן מיטן דראַמאַטישן שטאָף אין די „גנבים". אין גע־פּרעסטע זאַצן, פּערזן, אָן לאַנגע מאָנאָלאָגן, אַנטוויקלט בימקאָ די דראַמע פון זיין הויפּט־העלד שבר, און זיין אומגליקלעכן צוזאַמענ־לעבן מיט זיין ווייבל מירקע.

ער איז טאַקע אַ שטאַרקער, אָט דער שבר צווישן זיינע פאַך חברים. מען האָט טאַקע פאַר אים מורא צוליב זיין פיזישער גבורה, ביים פּרוואוון אים אָוועקנעמען די ליבע פון זיין ווייבל. ער בלייבט אָבער אוממעכטיק צוליב זיין נאַטירלעכער שוואַכקייט, פון ניט קענען געבן זיין ווייבל אַ קינד, צו וואָס זי שטרעבט אַזוי שטאַרק...

אויף אָט דעם באָדן שפּילט זיך אָפּ די גאַנצע דראַמע. דער גאַנצער קאָנפליקט צווישן אים מיט זיין ווייבל און זיין קאַמף מיט די ניט פאַרגינערישע חברים מיט מזיקן בראש, וואָס דרייט זיך צופיל אַרום מירקען און צו ווען זי איז טאַקע ניט גלייכגילטיק.

שבר ווייס טאַקע זיין אומגליק, ער איז צערייצט, ווילד און באַהאַנדלט זיין מירקען מיט ברוטאַליטעט. דאָס ווירקט אויף איר נאָך ערגער און שבר דערפילט די טראַגיק זיינע, די אוממעכטיקייט לגבי דעם גורל.

וואָס קען ער, שבר, העלפן, אַז זיין ווייבל האָט שפּעטער אַ קינד פון דאָזיקן קאָנקורענט זיינעם, דעם מזיק? אמת, מען פּרואווט לכתחילה פאַר אים לייקענען, אים אַריינפירן אין אַן אילוזיע, אַז דאָס איז זיין קינד... ער איז אפילו שוין גרייט איינצובילדן זיך, אַז ס׳איז אַ ליגן, וואָס חברה האָט אויף אים אויסגעטראַכט, אַז ער איז אַ שבר... אָבער — ניט לאַנג האַלט אָן די אילוזיע. דאָס קינד איז מער ענלעך צום ריכטיקן פאָטער, דעם מזיק... שברס צעוויטיקטע נשמה, זיין צעפייניקט האַרץ, ברויזט ווידער אויף מיט צווייפל, ער וויל וויסן דעם אמת, און קיינער אפילו זיין ווייבל, בעמט זיך ניט אונטער מער צו פאַרטרייבן דעם דאָזיקן צווייפל... אפילו ווען ער טרייבט איר פון שטוב און זי איז גרייט צו גיין צום מזיק...

די גאַנצע האַנדלונג איז געהאַלטן אין שטייגנדיקער שפּאַנונג, אין דורכאויס אויסגעהאַלטענעם טאָן פון די קלאַסישע דראַמעס. אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע צווישן אַלע עלעמענטן, וואָס באַהעפטן דעם דראַמאַטישן שטאָף: צייט, אָרט, סביבה, כאַראַקטער און ועל כולם — שפּראַך. גנבישער וואָקאַלאַבור. יעדע תנועה, יעדע סיטו-אַציע, האָט זיך איר וואָרט באַצייכענונג.

אָט די אַלע עלעמענטן, וואָס זענען אַזוי דיסקרעט פאַרטיילט אין „גנבים", מאַכן די דראַמע ניט נאָר פאַר אַן אויסגעצייכנטן טעאַטראַלן שטאָף, נאָר אויך פאַר אַ לייען-שטאָף, וואָס ווייניק דראַמאַטישע ווערק קענען זיך דערמיט פאַרגלייכן.

ג

אויך די דראַמע „גנבים", איז דער פּראָדוקט פון בימ־קאָס קינסטלערישער טעטיקייט און קריסטאַליזירונג בשעת דער וועלט־מלחמה. יענע צייט, ווען ער איז פול געווען מיט שאַפונג־פּאָטענץ, און שאַפונג־דראַנג, ווי בימקאָ אַליין האָט זיך אַמאָל, נאָכן פאַרלייענען אַ ניי־פאַרענדיקטע דראַמע, אויסגעדריקט פאַר זיינע צו־הערער:

—איי, קינדער, איך וואָלט זיך געקענט אַוועקזעצן און שרייבן אָן אויפהער, ביי טאָג און ביי נאַכט, ווייל דאָס האַרץ איז ביי מיר אַזוי פול, איך ווער פשוט שיעור ניט דערשטיקט און דערטרינקען אין אַ ים פון מיינע טעמעס...

אין יענע מלחמה־יאָרן, האָט בימקאָ געהאַט גענוג צייט ניט נאָר איינצוזאַפּן אין זיך דעם גאַנצן מלחמה־שוידער אַרום אים, נאָר אויך געהאַט די געלעגנהייט אַ סך צייט אָפּצוגעבן, אויף איינצולעבן זיך פּערזענלעך אין דער מיליע פון דער אונטערוועלט, וואָס האָט זיין ווערק געמאַכט אַזוי וואָרהאַפטיק און עכט.

דער הייסער אָטעם פון דער ליידנשאַפט, די סטיכיע פון די דראַמאַטישע קאָנפליקטן אין דער מענטשלעכער נשמה, וואָס קומען צום אויסדרוק סיי אין די גנבים און סיי אין אַנדערע דראַמעס מיט אַ מער אָדער ווייניקער קינסטלערישן טעמפּעראַמענט.

פון אָט דעם אימפּעט און הייסן מענטשלעכן אָטעם, זענען ווייט ניט פריי אפילו יענע דראַמעס זיינע, וואָס זענען קינסטלעריש שוואַך אָדער גאָרניט זאָגנדיק. מיט דער גוואַלדיקער קראַפט פון דער רויער ליידנשאַפטלעכער סטיכיע, זענען אָנגעשטעקט סיי בימקאָס רעאַלע און סיי — אויסגעטראַכטע געשטאַלטן.

אָט די אייגנשאַפטן, האָבן אייגנטלעך גורם געווען, בימקאָ זאָל זוכן זייער אויסלעבונג, זייער אויסדרוק און פאַרקערפּערונג, הויפּט־זאַכלעך אין דער דראַמאַטישער פאָרם פון זיין קינסטלערישן שאַפן. אָבער די אייגנשאַפטן פון אומגעצוימטער סטיכיע, זענען אָפט אויך גורם ביי בימקאָן אַ היפשע פאַרלוירנקייט אין פּרט פון קינסטלעריש באַהערשן זיין מאַטעריאַל. אָפטמאָל הערט דער קינסטלער אויף צו זיין הערשער איבער זיינע פאַרשוינען, וואָס ער וויל אַרויסרופן צום

לעבן. מיר האָבן דאָס געזען אין דער פּראָך־מיסטעריע, און זי איז אויך פאַראַן אין אַנדערע שאַפונגען...

דער זעלביקער בימקאָ, וואָס ווייס אין געוויסע דראַמעס צו זיין אַזוי שפּראַכלעך און בילדעריש געפּרעסט, געמאָסטן און געוואויגן, — פאַרלירט זיך אָפט אין אַנדערע זאַכן, סיי שפּראַכלעך און סיי ביל־דעריש. דעמאָלט קומט אַ צעפלאָסנקייט און אַ באַרעדעוודיקייט, ווי ער וואָלט געוואָלט וואָס גיכער און וואָס מערער אויסלאָדן זיין אינערלעכע איבערגעפילטקייט.

זלמן זילבערצווייג דערציילט, ווי בימקאָ, וואַרטנדיק איינמאָל ביי זיינעם אַ פריינט, לאַזאַר קאַהאַן, און ווען יענער איז לאַנג ניט געקומען, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ גאַנצע נאַכט, און דערפון איז געבוירן געוואָרן אַ פּיעסע אין דריי אַקטן.

אַזוי איז בימקאָ און ווי אַזעלכן מוז מען אים באַטראַכטן; מיט אַלע מעלות און חסרונות פון אַ באַדייטנדיקן טעמפּעראַמענטפולן קינסטלער.

ד

„גנבים" זענען צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע, דורך דער „ווילנער טרופּע" אין יאָר 1919.

לייב קאַדיסאָן דערציילט אינטערעסאַנטע זכרונות פון דער צייט, ווען בימקאָ האָט גלייך נאָך דער מלחמה געבראַכט צו זיי זיין דראַמע. די „ווילנער טרופּע" האָט זיך דעמאָלט געפינען אין אַ שווע־רער מאַטעריעלער לאַגע צוליבן מאַנגל אין נייעם רעפּערטואַר. בימקאָס „גנבים" זענען געוואָרן ניט נאָר אַ קינסטלערישע דערגריי־כונג פון דער „ווילנער טרופּע", נאָר אויך אַ מאַטעריעלע הילף פאַר איר, ביז ס'איז געקומען די צייט פאַר אַנסקיס „דיבוק".

פון די „ווילנער", האָט די דראַמע מיטגעמאַכט אַ וועלט־רע־קאָרד איבער די בינעס פון גאָר דער יידישער וועלט. זי איז געשפּילט געוואָרן פילע טויזנטער מאָל. אויך אין מיין זכרון איז פאַרבליבן דער עפּיזאָד, ווי אַזוי איך האָב זיך באַקענט מיט דעם ווערק אויף דער בינע, אין סאַמע פּעריאָד פון מיין מיליטער־דינסט אין פּוילן.

ה

בריסק, 1921.

אין דער דאָזיקער שטאָט בין איך אָפּגעקומען דאָס לעצטע יאָר פון מיין מיליטער־דינסט אין דער פּוילישער אַרמיי, נאָכן צוריקקומען פון געפאַנגענשאַפט ביי פּעטלורען, און נאָכן האָבן אויך מיטגעמאַכט דאָס שענדלעכע און טרויעריקע קאַפּיטל יאַבלאָנע...

דאָ, אין בריסק האָב איך זיך געפונען זינט האַרבסט 1920, ווען דער מלחמה־טשאַד איז שוין געווען אַריבער און איך האָב געוואַרט אויף מיין באַפרייאונג, וואָס האָט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן.

אין דער דאָזיקער חרובער שטאָט ביים טייך בוג, איז די יידישע באַפעלקערונג נאָר וואָס געהאַט צוריק געקומען פון נע־ונד זיין אין ווייטע רוסישע גובערניעס. פּאַמעלעך האָט מען זיך איינגעאָרדנט אין האַלב חרובע נעסטן, וועלנדיק אויפסניי אויפבויען דאָס צעשטערטע לעבן.

און דאָ האָב איך אויפסניי געהאַט די געלעגנהייט זיך צו דערנענטערן צו אַ מענטשלעכער און צו אַ יידישער סביבה, פון וועלכער איך בין שוין דאָס דריטע יאָר געווען אָפּגעריסן. אַלס סאָלדאַט, מיט אַ סך פרייע צייט, איז ניט שווער געווען זיך צו מאַכן באַקאַנט צווישן יידן. האָב אפילו באַוויזן מיט אַ סך פון זיי, אין שכנות פון די קאַזאַרמעס, — זיך זייער פיין איינצולעבן. האַרציקע און פשוטע פאָלקס־מענטשן. דער דלות האָט טאַקע געפייפט אין אַלע ווינקעלעך, און אין פילע הייזער — גרויס נויט, אָבער יונגוואַרג איז געווען אַ סך בחורים און מיידלעך פון מיין עלטער, איז מען זיך יעדן טאָג און יעדע פרייע צייט, צונויפגעקומען אין איין שטוב, אַ מער באַקוועמע, צום פאַרברענגען, כאַפּן אַ טענצל, זינגען און שמועסן; פון אַט דער שטוב פלעגט מען אין די אָוונטן זיך צעגיין איבער די פינצטערע גאַסן און בולוואַרן פון דער אַמאָל שיינער פּראָווינץ־שטאָט. אַזוי איז דאָס לעבן: יוגנט פאַרגעסט און זוכט צו בויען אויפסניי...

קיין שום קולטור־לעבן האָט נאָך דעמאָלט ניט עקזיסטירט. ס'איז געווען ערב דעם פאַרנעמען פון קולטור־פּאָזיציעס אין דעם נאָך מלחמהדיקן יידישן פּוילן.

פאַר מיר אַליין האָב איך שוין געהאַט ווידער אָנגעקניפּט פאַרבינ־דונגען מיט מיין ברודער אין לאָנדאָן. נאָך אַזוי פיל יאָרן מחיצה, האָט מיך מיין ברודער אויפסניי געגומען באַזאָרגן מיט אַ יידיש וואָרט: ביכער, זשורנאַלן, און צייטונגען פון יענער זייט אָקעאַן, האָבן אָנגעפילט מיט נייעם אינהאַלט מיין גראָ זעלנעריש לעבן, אין דער דאָזיקער האַלב חרובער שטאָט ביים טייך בוג.

פונדעסטוועגן, פלעגן קולטור־דערשיינונגען זיך צייטנווייז דאָך באַווייזן אין געשטאַלט פון יידישן טעאַטער, וואָס פלעגט אַ מאָל אַהין דערגרייכן אויף געציילטע גאַסטשפּילן. איך פלעג ניט דורכ־לאָזן די געלעגנהייט זיי צו גיין זען, צוזאַמען מיט דער שטאָטישער יוגנט, פאַר וועלכער אַזאַ דערשיינונג איז געווען אַ געשעעניש אין גרויען טאָג־טעגלעכן לעבן.

אין זכרון איז מיר גאָרניט פאַרבליבן פון יענע אַלע מיטלמעסיקע טעאַטער־שפּילן, נאָר בלויז איין פאָרשטעלונג: „גנבים", אויפגעפירט דורך סאַמבערגס טרופּע, און וואָס איז געווען אַ גוטע קינסטלערישע טרופּע.

די דאָזיקע פאָרשטעלונג מיט סאַמבערגן אין דער ראָלע פון „שבר", האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון צוליב צוויי עלעמענטן, וואָס זי האָט פאַרמאָגט: סאַמבערגס אויסגעצייכנטער שפּילן און — דער געזונטער שפּרודלדיקער רעאַליזם, וואָס אָטעמט פון דער דראַמע.

אַ סך וואַסערן זענען שוין זינט יענער צייט — אַ סך הכל פון צוויי צענדליק יאָרן — אָפּגעלאָפן. אונדזער לעבן האָט שוין מיטגעמאַכט כלערליי משונהדיקע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און מאָראַלע צעטרייסלונגען, אָבער איין אינערלעכע טיף מענטשלעכע באַציאונג צום קינסטלערישן שאַפן איז פאַרבליבן: רעאַליזם. געזונטער, לע־בעדיקער רעאַליזם, אין קעגנזאַץ צו כימערישע אַבסטראַקציעס, וואָס קענען ניט קאָנקורירן מיטן לעבן, מיט אַלע אירע עמאָציעס.

נאַטירלעך קען דאָ ניט געגומען ווערן אין באַטראַכט, דער גראָבער שונדיסטישער־„רעאַליזם", מיט וועלכן דאָס יידישע טע־אַטער איז פאַרפלייצט געוואָרן, אין צייטן פון דעפּרעסיע און צוריק־גאַנג. אַ „רעאַליזם", וואָס האָט גערעדט צו די נידעריקע אינסטינקטן פונעם טעאַטער־גייער. אונדזער צוגאַנג צום רעאַליזם, מיינט דעם עכטן, דעם געזונטן רעאַליזם פון אַ זאָלאַ אָדער אַ גאָרקי; אַ רעאַ־

ליזם, וואָס אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז כאַראַקטערן, טיפּן און געשטאַלטן פֿון אַ באַשטימטער סביבה — באַלייכט ער אויך אויף אַן אוממיטלבאַרן אופֿן די נשמות זייערע. מיר פֿילן זיי דאָן מיט, לעבן מיט זיי מיט, ליבן אָדער האַסן זיי, — און אין אַלע פֿאַלן אָבער פֿאַרשטייען מיר זיי, פֿילן זיך צוזאַמען מיט זיי דערהויבענער, מענטשלעכער, געלייטערטער.

פֿון אָט דעם רעאַלן רעאַליזם פֿאַרמאָגט אין אַ היפּשער מאָס, דאָס דראַמאַטישע שאַפֿן פֿון בימקאָ.

דעמבעס

א

אין יאָר 1921 פאַרלאָזט בימקאָ דאָס לאַנד פון זיינע שווערסטע איבערלעבונגען, פון זיין קינסטלערישער דערוואַכונג און קריסטאַליזירונג — ער באַזעצט זיך אין אַמעריקע.

ער קומט אין נייעם לאַנד פון יידישן מאַסן־לעבן און שפּרודל־דיקער יידישער שאַפונג, ניט מיט ליידיקע הענט, ווייל אין אַ יאָר אַרום — 1922 — פירט אויף יוסף שיינגאָלד אין אורווינג פּלייס טעאַטער בימקאָס נייע דראַמע: „דעמבעס". די זעלביקע דראַמע גייט דעם זעלביקן ווינטער אין מאָריס שוואַרצעס קונסט־טעאַטער, — דער דערפאָלג איז אַלץ אַ גרויסער.

„דעמבעס" באַצייכנט בימקאָס צוריקגאַנג צו דער אַלטער פאַר־מלחמהדיקער טעמאַטיק, וואָס וואָרצלט ניט אין צייטלעכן, מלחמהדיקן, נאָר אין סאָלידן, שטייגערישן יידישן לעבן אין די פּוילישע דערפער צווישן גויים.

דאָס דאָרף ווערט דאָ ביי בימקאָן גענומען נאָר אין דעקאָראַטיוון זין. דער עיקר זענען דאָ די פאַרשויבענע, וואָס פירן זייער אָפּגעזונדערט לעבן. פונדעסטוועגן פילט זיך די השפּעה פון דער אַרומיקער סביבה: אַ געוויסע רויקייט, פאַרגרעבטקייט טיילט אַרויס עטלעכע טיפּן פון אָט די פאַרוואָרצלטע יידן — דעמבעס — אויפן אָפּגעפרעמדטן באָדן.

אָריש, דער קרעמער, איז מיט זיין גאַנצער דאָרפישער רויקייט ביי בימקאָן אויסגעוואַקסן צו אַ כאַראַקטער, וואָס דאָמינירט אַלע אַרומיקע טיפּן, אַ ייד מיט אַ געזונטען הומאָר, מיט בייסיקער איראָניע, וואָס נעמט זיך פון אַ באַשטימטער לעבנס־חכמה, — איז ער שיעור ניט אַ פערזענלעכקייט.

אויך דאָ אין דער דראַמע זענען פֿאַראַן קאָנפֿליקטן אין וועלכע בימקאָ פֿילט זיך גוט. דאָס זענען שטאַרקע מענטשלעכע קאָנפֿליקטן צווישן דעם רייכן ישראל, וואָס האָט חתונה מיט אַריש דעם קרעמערס טאָכטער, נאָכדעם ווי זיין קראַנקע ווייב שטאַרבט אַוועק.

דער קאָנפֿליקט וואַקסט אויס צוליב דעם, וואָס זי, די געזונטע פֿולבלוטיקע ראַשל, האָט מער סימפּאַטיע צום אַלטן ישראלס זון ראובלע, מיט וועמען זי איז פֿון קינדוווייז־אָן אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרן. זי פֿילט זיך צו אים ווי אַ כלה, ניט מער... נאָכן טויט פֿון אַלטנס ווייב, לאָקט איר שטאַרק דעם אַלטנס רייכע שטוב, די זיידענע קליי־דער, וואָס זענען געבליבן אומבאַרירטע נאָך דער פֿאַרשטאָרבענער... דאָס אַלץ וועגט אין אַ געוויסן מאָמענט אַריבער דאָס נאַטירלעכע געפֿיל, וואָס ציט צום זון... ער, דער אַלטער ישראל, באַגערט שטאַרק זיין יונג ווייב. אויך ער איז אַ קרבן פֿון פֿאַטאַלע אומשטענדן, מוזנדיק אַ לעבן לאַנג, אָפּמוטשען זיך מיט אַ קראַנק ווייב... אַליין איז ער אַ געזונטער, פֿולבלוטיקער מאַן, חלומט ער פֿון אויפֿלעבונג צו־זאַמען מיט זיין יונג ווייב... ער פֿאַרדעכטיקט אפֿילו, אַז עפּעס איז ניט גלאַטיק צווישן זיין זון מיט איר, און עס הייבט אָן ברענען אַ פֿייער אין זיין האַרץ.

די טראַגעדיע הייבט זיך אָן ערשט נאָך דער חתונה, ווען דער אַלטער דערפֿילט זיין טעות. זיין ווייב פֿילט גאָר ניט צו אים. וויל אים קיין ווייב ניט זיין, זי ליידט, גייט אַרום פֿאַרטרויערט...

...אַ יונגע מויד... אַ שטיק בלוט... און געצאַפּלט פֿאַרן טויט, כ׳האָב געזען אַ שטוב... נישט געוואוסט: ס׳איז בלויז אַ שטייג, אַ ליי־דיקע, אָפּגעריסענע שטייג, און מיך אויפֿגעכאַפּט אין איר ווי אַ קאַנאַ־ריק פֿון וואַלד...

ס׳פֿייגעלע אין שטייגל זינגט ניט מער... איר ציט גאָר צום זון, וואָס ליידט איצט נאָך שטאַרקער צוליב איר... דער אַלטער איז פֿאַרעקשנט, ער וויל ניט אויפֿגעבן כאָטש די אילוזיע פֿון זיין גליק, ביז עס קומט דער אויסברוך, ווען דער אַלטער כאַפּט דעם זון, ווי ער וואַרפֿט זיך אויף זיין ווייב.

ב

„דעמבעס" זענען רייך אין דראַמאַטישן שטאָף, וועלכן בימקאָ ווייס אויסגעצייכנט ווי אויסצונוצן. זיינע פּאַרשוינען דאָ אָטעמען ווידער פול מיט לעבן, מיט כאַראַקטער. אַזוי איז דער בייסיק־איראַ־גישער קבצן אָריש, וואָס איז גראָב צו זיין ווייב, און אַזוי איז זי טאַקע, זיין ווייב פרומעט מיט איר מאַמעשער זאָרג פאַר איר טאָכטער, ווען זי איז מקנא מיטן „גליק" און באַמיט זיך דעריבער דווקא צו ווירקן, אַז די טאָכטער זאָל ניט איבעררייסן מיטן אַלטן.

שטאַרק געשילדערט איז דער קאַמף, דער רויער, היפּש־חיה־שער קאַמף צווישן פאָטער און זון, ווי נאָר אין אַזאַ פאַרגרעבטער סביבה קען געמאָלט זיין. אַ סביבה וואו דער דאָמינירנדיקער געזעץ איז דער כוח פון דער סטיכיע, דאָס רויע געפיל, וואָס איז שטאַרקער ווי אַלע אויסערלעכע גרויסשטאָטישע מאַנירן, וואָס באַווירקן דאָס לעבן.

דאָ וואו מענטשן לעבן ווי דעמבעס אין וואַלד, דאָמינירט אַ פּרימיטיווע מאָראַל און עטיק, וואָס איז אַנדערש ווי אין דער שטאָט. דאָ אין פּרימיטיוון מצב, דריקט מען ניט אונטער קיין נאַטירלעכע געפילן, מען פאַרשלייערט זיי ניט אין שיינע פראַזן, וואָס פאַרדעקן דעם אינהאַלט. פונדעסטוועגן פאַרמאָגט אָט דער פּרימיטיוויזם אַ געוויסן חן, ווייל ער איז ווייט פון היפּאָקרעזיע. ניטאָ דאָ אפילו קיין וואולגאַרער פאַרראַט פונעם ווייבל, וואָס ליבט ניט דעם מאַן. ביי איר גאַנצן רייסן זיך צום זון, קעמפט זי פאַר איר ווילן, צו בלייבן טריי אין אירע פליכטן צום געזעצלעכן מאַן. אויך דאָ דאָמינירט דער פּרי־מיטיוויזם פון איינשטעלונגען. ניטאָ קיין פאַרדאַרבנקייט פון צו להכעיס־טאָן.

דער איינציקער, וואָס דערשיינט דאָ אין אַ געוויסער מאָס היפּאָ־קריטיש איז גראָד דער וואויל־לערנער רב משה. זיינע שיינע פּסוקים דינען אים גוט צוצופּאַסן זיך צו יעדער סיטואַציע. פּונקט ווי ער האָט לכתחילה באַוויזן מיט פּסוקים, אַז ס'איז אַ זיווג מן השמים, אַזוי איז אים ניט שווער שפּעטער אויפצואווייזן דאָס פאַרקערטע... אַ שיינער רעזולטאַט פון אַ באַשטימטער קולטור, פון מאָראַל־איינשטע־לונגען, וואָס דינען צו מאַסקירן נאַטירלעכע מענטשלעכע געפילן.

ג

אויף אַ היפּשע סאָציאַלע נאָטקע איז דורכגעפלאָכטן אין די קאָנפליקטן פון דער דראַמע.

ראַשל פאַרענטפערט זיך אין אירע מעשים:

...ברויכסט מיך נישט צו פאַרדענקען... ווייסט גוט: ס'איז אויף מיין לייב קיין רעכט שטיקל קליידל נישט אַרויפגעקומען; מ'האָט מיר די פינגער פון די פיס דורך די שיך אַרויסגעזען... און כ'בין גע־וואָרן צעמישט: אַז כ'האָב דערזען אַ הויף, אַ שטוב, אַ שאַנק קליי־דער... געוועזן פאַרבלענדט, אַז דאָס איז מיר געקומען אין די הענט אַריין, געזען נעמען אין גאָלד, אַרומשווימען אין זיידנס... גע־מיינט: אַלע זיבן הימלען האָבן זיך פאַר מיר אויפגעמאַכט...

און פונקט ווי די טאָכטער ווערט פאַרבלענדט פונעם גלאַנץ פון זיידנס און גאָלד, אַזוי זענען אירע עלטערן שוואַך זיך קעגנצו־שטעלן דעם כוח פון געלט. ווי קלאָגט זיך ראַשעלס מאַמע, ציטערנ־דיק טאָמער גייט טאַקע די טאָכטער אַוועק פון מאַן:

...ישראל וועט אַוועקנעמען די האַנט פון האַרץ, — ברויכן אויסגיין; אַזוי, ווי־נישט, דערלייגט מען נישט צו אים; פון די קראָם האָט מען היינט אַ סך?

פונדעסטוועגן דערשיינט דער פאָטער אַריש מער מענטשלעכער אין זיין געפיל. ער איז שטענדיק גרייט צוריקצונעמען די טאָכטער, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט — געהאָט זיצן אַ מיידל און אָפּ־קריגן אַ ווייבל. ער איז גרייט זיך צו טיילן מיטן לעצטן עסן, ווייל זיי אַלע זענען נאָר קרבנות פון אומשטענדן און ער, אַריש, האָט זיך זיין פאָלקסטימלעכע לעבנס־פילאָזאָפיע, וואָס הייסט אים נישט בוקן זיך פאַר גבירים.

פאַרוועלקטע בלעטער

א

דער וועג פון אַ דראַמאַטורג איז ניט אַלעמאָל אַזאַ גראַדליניקער און שטייגנדיקער מיט כסדרדיקן שוואונג און באַרג אַרויף. ביי אַ שרייבער מיט אַזאַ אימפּעטפולער פּאָטענץ ווי בימקאָ, מוזן קומען אומפאַרמיידלעכע זיגזאַגן, וואָס פאַרנעמען זיך אויך באַרג אַראָפּ...

„פאַרוועלקטע בלעטער" איז נאָך געהאַלטן אין עכטן בימקאָשן סטיל און פאַרמאָגט נאָך געגנוג פון זיינע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן. פונדעסטוועגן פילט זיך שוין דאָ ניט יענע קראַפט און שוואונג ווי אין די פריערדיקע דראַמעס. די אַקציע אַנטוויקלט זיך צו פּאַמע־לעך און טעמפּ, און ערשט ביים סוף — הייבט זיך אָן אַרויסוויקלען דאָס פּראָבלעם צו וועלכן בימקאָ צילט די גאַנצע צייט.

און דאָס פּראָבלעם גופא איז דאָס מאָל ניט אַזוי ברייט געזעל־שאַפטלעך ווי אין אַנדערע דראַמעס, זי איז דאָ צוגעשפּיצט צו אַ פּסיכאָלאָגיש אינדיווידועלע פּראָבלעם.

איידל, אַ באַלעבאַטישע טאָכטער, ווערט פאַרקנסט צו אַ חתן, וואָס די עלטערן האָבן פאַר איר באַשטימט. זי האָט אָבער ניט קיין מוט אָפן אַרויסצוזאָגן איר ווידערווילן צום דאָזיקן שידוך, הגם אין כאַראַקטער צייכנט זי זיך גראָד אויס מיט פעסטקייט און עקשנות. ניט מער, די עלטערן קאָן זי ניט אָפן זאָגן פון איר אַנטיפּאַטיע צום חתן. אפשר דערפאַר, ווייל זי טראָגט זיך אַרום מיט איר סוד פון אַ פאַרבאָרגענער ליבע צו אַ... גוי. דעם מילנערס זון, מיט וועמען זי פירט בסוד אַ ליבע. ניט מער, דער סוד איז אייגנטלעך ניט קיין פולשטענדיקער, ווייל... שטעטלדיקע אויגן און מיילער זעען אַלץ און באַרעדן אַלץ. משמעות, אַז דער „סוד" דערגייט אויך צו די

עלטערן פוןביידע צדדים און דערפאַר, אַפּנים, יאָגט מען צו די חתונה. מען וויל פאַרמיידן אָדער פאַרווישן די חרפּה... דער חתן, אַפּנים ווייס אויך פון זיין „באַשערטערס" פאַרדרייעניש. ניט מער, זיין עגאָאיסטישע אייגנליבע דערלאָזט אים ניט געבן זיין כלה איר פאַרלאַנגטע פרייהייט... ער באַשטייט אויף איר בפירושער אַנטי־פּאַטיע צו אים, אַבי זי זאָל אָפּיציעל זיין זיינע...

זעען מיר טאַקע ווי נאָך דער חתונה ראַנגלען זיך ביידע צדדים צוליב דעם, וואָס זי, די „באַשערטע", איז אַלץ פאַרעקשנט אין איר ווידערשטאַנד צום מאַנס „רעכט" איבער איר. ער אָבער, דער מאַן, איז גאָרניט גרויסמוטיק אַ סוף צו מאַכן צום טרויעריקן שפּיל, און ווי באַלד ער איז שוין איבערצייגט, אַז זי וועט זיינע „רעכט" ניט נאָכגעבן — דערוועקט זיך אין אים אַ נקמה־געפיל פון ניט צוריק־געבן איר די פאַרמעלע פרייהייט.

ב

אָבער ניט אויף דער פלאַך ליגט דאָס הויפּט־פּראָבלעם פון דער דראַמע.

אין הונטערגרונט איז נאָך פאַראַן אַ פּראָבלעם פון... יידישע מיידלעך מיט גויאישע בחורים...

איידעלס חברטע מאַליע, דערוויסנדיק זיך פון איר חברטעס סוד מיט איר ליבע צו אַ גוי, קלערט אויף איידלען, אַז אויך זי האָט שוין דורכגעמאַכט אַן ענלעכע געשיכטע מיט אַ ליבע צו אַ גוי, נאָר גע־ענדיקט האָט זיך עס זייער טרויעריק: דער „גוי" האָט אויסגענוצט איר ליבע און לסוף — אַוועקגעוואָרפן... מילא, ס'זאָל זיך ניט טרעפן ווי ס'טרעפט זיך; די חברטע אָבער מאַכט דערפון אומבאַדינגט אַ פּראָב־לעם צווישן ראַסן... זי וואָרנט איר חברטע פאַרן זעלביקן אויס־גאַנג פון איר ליבע צום מילנערס זון... ווי דאָס וואָלט געווען אַזאַ, אַז אַ ליבע צווישן אַ יידיש מיידל מיט אַ גוי, מוז זיך ענדיקן אַזוי און ניט אַנדערש... מאַליע וואָרנט איר חברטע, אַז זי וועט שפּעטער זיין אַ „געפאַלענע", ווי זי אַליין איז עס. אָט אַ באַווייז: איידעלס ברודער ליבט, דאַכט זיך, מאַליען, פונדעסטוועגן... קערט ער זיך

פון איר אָפּ, ווי לאַנג נאָר זי באַשליסט אָפּנהאַרציק פאַר אים זיך מתוודה צו זיין... אַזוי — פירט אויס מאַליע — האַנדלען אַלע מענער, ווען זיי קומט אויס אָנצוטרעפן אויף אַ „געפאַלענע"... זי עצהט דע־ריבער איר חברטע זיך אומצוקערן באַצייטנס איידער עס ווערט צו שפּעט. נאָר איידל איז פאַרעקשנט און פעסט: זי וועט ניט צוריק־קומען קיין געפאַלענע. אין ערגסטן פאַל וועט זי האַנדלען עקסטרעם און — זיך אָפּטראָגן אַהין פון וואַנען מען קערט זיך ניט מער צוריק...

איידל פירט ניט דורך איר פּלאַן: אַנטלויפט ניט ווי עס פירט זיך, פאַר דער חתונה. איר חברטעס וואָרנונג האָט איר אַ ווייַלע צעמישט און געמאַכט וואַקלדיק. אָבער אַנטלויפן אַנטלויפט זי פאָרט אַ ביסל שפּעטער, ווי נאָר זי איבערצייגט זיך, אַז איינלעבן מיט איר מאַן וועט זי זיך ניט.

לסוף קומט טאַקע דאָס פאַרגעזאָגטע דורך איר חברטע: איבער־צייגנדיק זיך, אַז זי געהער אויך צו די „געפאַלענע", באַפרייט זי זיך לויט איר באַשלוס דורך זעלבסטמאָרד...

ג

אין דער טעזע ווי בימקאַ שטעלט אַוועק דאָס פּראָבלעם ליגט די געפאַר פון בלייבן הענגען אין דער לופטן. פון קאָמפּליצירן אַ זאַך און ניט געפינען קיין אויסוועג. ווייל אַוועקשטעלן אַ פּראָבלעם אויף אַ ראַסן־באַזע, פון וועלן באַווייזן די אומפאַרמיידלעכקייט, אַז ראַסן־געמישטע ליבעס זענען פאַרמשפּט צו דורכפאַלן און אומפאַר־מיידלעכע אומגליקן, איז אַ ביסל צופיל געוואַגט. אמת טאַקע, בימקאַ, פאַרטראַכט זיך אַ מאָמענט איבער דער פראַגע, און ווען איידעלס חברטע דערציילט, ווי אַזוי איר „שייגעץ" איז צו איר גיך געוואָרן אָפּגעקילט, פרעגט איר איידל:

— ביסטו זיכער: אַז ס'איז דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ גוי?... און אז מיט אַ יידישן בחור, וואָלט נישט ס'אייגענע געווען?

בלייבט די פראַגע הענגען אין דער לופטן. איידלס חברטע פאַר־ענטפערט ניט און בימקאַ — אויך ניט. בלייבט דאָס די שוואַכע זייט פונעם פּראָבלעם. ווייל דערמיט פאַרווישט זיך די אַבסאָלוטע ווייט־

קייט פון אַוועקשטעלן דאָס ראַסן־פּראָבלעם. אויב ניט זיין זיכער, אַז נאָר דער נאַציאָנאַלער צי ראַסן־אונטערשייד דאָמינירט אין אַזעלכע פאַלן, איז שוין גלייכער דאָס פּראָבלעם אַרויסצושטעלן אין אַזאַ פלאַך:

— ווי אַזוי רעאַגירן בכלל מענער, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז זייערע געליבטע האָבן שוין אַ פאַרגאַנגענהייט?

אין דעם פאַל וואָלט זיך דאָס גאַנצע פּראָבלעם מיט דער טראַ־געדיע רעדוצירט צו אַ פּראָווינציאַל, קליינשטעטלדיק פּראָבלעם, ווי ס׳איז געקומען צום אויסדרוק אין פאַרגאַנגענעם צי אין ערטערווייז נאָך פאַרגייענדיקן יידישן לעבן. ווייל אויף גרויסע מרחקים פון נייעם יידישן לעבן, ווירקן שוין אַזעלכע פּראָבלעמען ניט אַזוי טראַגיש, אָדער זיי זענען קיין פּראָבלעם בכלל ניט. ביי בימקאָ אָבער איז דאָס פּראָבלעם איבערגעשפּיצט, שוואַכט עס ממילא אָפּ די ווירקונג פון דעם דראַמאַטישן קלימאַקס.

אין אַלעם איבעריקן, אין דער לעבעדיקער געשטאַלטונג פון זיין ווערק, אַטעמט די דראַמע — אפילו אין איר לאַנגזאַמען ריטם — מיט בימקאָס אייגנאַרט און עכטקייט, פון קענען זיין מיליע. די דראַמע פאַרמאָגט אויך אַ סך שטייגער און זיטן־קענטענישן פון אַלטן באַלע־באַטישן יידישן לעבן, מיט אַ ספּעציפישן קאָלאָריט פון שפּראַך און בילד.

מאַרכביינער

א

...ס'איז, פונדעסטוועגן, ניט גאָר קיין אָנגענעם געפיל, ווען וואַנדערנדיק אין אַ גאָרטן מיט כלערליי געשמאַקע פירות, איבער וועגן וואָס פירן צווישן בלומען, בלייבט מען מיטאַמאָל שטיין פאַר אַ וואַנט פון שטעכנדיקע דערנער, אַרומגערינגלט מיט נישט קיין קליינע גריבער.

אין בימקאָס דראַמאַטישן גאָרטן, צווישן כלערליי רייפע, שטאַרקע און שוואַכע ווערק, איז אַזאַ ליימיקער גרוב פאַראַן... פאַראַנען איינמאָל אין אַ קלענערער מאָס, און אין אַ קלענערן פאַרנעם אין דער מיסטעריע „פראָך", און אַ צווייט מאָל, נאָך אין אַן ערגערע פאָרם אין אַ „טראַגעדיע", וואָס טראָגט דעם נאָמען: „מאַרכביינער"...

הום... ס'איז אַ גאָר אומאָנגענעם געפיל, נאָכן האָבן פאַרגעניגן פון אַדורכוואַנדערן אין די געשמאַקע אַלייען פון זיינע דראַמעס, מיטאַמאָל צו בלייבן שטיין פאַר די „מאַרכביינער", מיט דער פראַגע: ווי אַזוי קומט מען אַריבער?... און אַריבערקומען מוז מען, ווי ניט אָנגענעם דאָס זאָל זיין, מעג מען זיך אפילו די קליידער איינריכטן און צערייסן, ווייל מען האָט אַלץ דאָס געפיל — אַ ניט וואָלט זיך ניט געלוינט דער גאַנג... אַז אויף יענער זייט פון גרוב וואַקסן ווידער מערדער וויניקער לייטישע פירות, וואָס מען קען נעמען אין מויל אַריין...

מיר גייען אַרויס פון דער הנחה, אַז דער קינסטלער איז אין זיינע שאַפונג־פּאָטענצן און שאַפונג־קאַפּריזן, אַ שותף צו דער יצירה, אָבער דער קינסטלער טאָר ניט זיין אַזוי קאַפּריזנע ווי די שטיפערישע מאַמע נאַטור. ווייל אים, דעם קינסטלער, איז געגעבן געוואָרן די בחירה צו האַנדלען פרייער, אומגעצוימטער, ביים באַשאַפן זיין ווערק.

דעם קינסטלער איז, נאָך אַלעם, געגעבן געוואָרן די בחירה פונעם גערטנער צו סעלעקציאָנירן דאָס געשאַפענע, פון פרייען אַפּקליב צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן צייטיקע פּירות און — שלעכטן ווילד־גראָז...

ווייל ס׳איז ניט מעגלעך, אַז בימקאָ זאָל ניט אָפּשאַצן דעם ווערט פון די אַדער יענע שאַפונג זיינע. אויף וויפיל שרייבער זאָלן ניט זיין פאַרבלענדט פון אַלץ, וואָס זיי שאַפן, טאָרן זיי ניט, מיט אַזאַ שפּרודלדיקער קראַפט ווי בימקאָס, האַנדלען ווי יענע מאַמע מיט אַ סך קינדער, ביי וועמען די ליבע צו אַלע בלייבט אַ גלייכע . . . אויף וויפל ליטעראַרישע קינדער זענען בלוט און פלייש פונעם קינסטלערס גייסט, פאַרמאָגט דאָך דאָס ליטעראַרישע שאַפן יענע אינערלעכע געזעצן און אייגנשאַפטן, וואָס נאָר זיי אַליין שאַפן דעם קריטעריום פון באַציאונג און אָפּשאַצונג, און דערמיט מוז אַ קינסטלער זיך רעכענען.

ב

די דאָזיקע אָפּשאַצונג באַציט זיך צו אַלע יענע טראַגעדיעס, מיסטעריעס און געוויסע איינאַקטערס וואָס מוזן דערמאָנט ווערן לגנאי. זיי אַלע טראָגן דעם חותם פון זייער מחברס אָפּווענדן זיך פון זיין וועג אַלס רעאַליסטישער דראַמאַטורג. דער כוח פון בימקאָס קינסטלערישער פּאַטענץ הערט אויף צו ווירקן, ווי נאָר ער טרעט אָפּ פון זיין וועג אַלס רעאַלער קינסטלער. ווי נאָר ער לאָזט זיך אויף די גליטשיקע וועגן פון אירעאַליזם און צעבלאָזענער פאַנטאַזיע. אַפּנים, כדי צו שאַפן עכטע דראַמאַטישע ווערק, איז ווייניק דאָס איינהאַלטן די גוט איינגעשולטע דראַמאַטישע פאָרם, פאַרבייטנדיק בלויז דעם פערזאָנאַזש פון רעאַלע לעבעדיקע מענטשן, אויף אויסגעטראַכטע פאַנטאַסטישע סכעמעס. ס׳איז קודם כל און אומבאַדינגט נייטיק, דאָס פאַרמאָגן אַ צענטראַלע אידייע און דאַן, טאַקט און כוח די אַבסטראַקטע געשטאַלטן אַנצוקליידן אין בלוט און פלייש, אַז זייערע האַנדלונגען זאָלן אונדז ניט כסדר דערמאָנען, אַז זיי זענען ניט מער ווי הוילע שאָטנס...

אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור, סיי ביי לייטן און סיי ביי אונדז, פעלן ניט קיין ביישפּילן פון אומרעאַלע געשטאַלטן, וואָס רייסן מיט און פאַראינטערעסירן דווקא מיט דער לעבעדיקייט פון די „טויטע" פּערזאָנאַזשן. ביי בימקאַ אָבער, פילן מיר אַ פאַרלוירנקייט אין זיינע טראַגעדיעס און מיסטעריעס, וואָס זענען קוואַנטיטאַטיוו גראָד די גרעסטע אין זייער פּראָפאַרץ. גראָד זייער באַרעדעוודיקייט און צע־צויגנקייט איבערצייגן אַמווינציקסטן אין זייער לעבעדיקייט...

אַזאַ טראַגעדיע ווי „מאַרכביינער" איז דער בולטסטער באַווייז פאַר אונדזער איינשטעלונג...

ג

אין דריי ריזיקע אַקטן, וואָס ציען זיך אויף גאַנצע פופצן בויגן, באַמיט זיך בימקאַ אַרויסצובריינגען... נאָר וואָס איינגנטלעך וויל ער אַרויסברענגען אין דער דאָזיקער טראַגעדיע, איז זייער שווער תופס צו זיין און נאָך שווערער — צו אַנאַליזירן ווי בייטיק איז... איבער דער גאַנצער „טראַגעדיע" שוועבן נעמען, וואָס דאַרפן זיין סימבאָלן פון עפּעס, וואָס ווערט אַלץ ניט קלאָר אפילו ווען די נעמען זענען, דאַכט זיך, גראָד „רעאַלע" ווי: פערדהענדלער, חזיר־טרייבער, מעל־הענדלער, וויינשענקער, זייגערמאַכער און פליישיקער... עס פעלט אויך ניט קיין... צדיק, און קיין מיידן מיט יונגען, אַ גאַנצע מענאַ־זשעריע פון נעמען, וואָס דאַרפן ווערן געשטאַלטן, דאַרפן עמיצן פּער־זאָניפיצירן, נאָר ווערן עס ניט און פּערזאָניפיצירן גאָרניט... זיי אַלע דרייען זיך, טומלען, טוען־אָפּ כלערליי ווילדע אומוואָרשיינלעכ־קייטן אַרום דער פאַמיליע פון די מאַרכביינער, נאָר צו וואָס און צו ווען קען מען ניט דערגיין...

און אַ פאַמיליע זענען די מאַרכביינער — שוין איינמאָל אַ פאַ־מיליע! זיי קערן וועלטן, הרגענען, שלאָגן, טעראָריזירן — און תמיד פאַרוואָס? ווייל אין זיי רינט אַזאַ בלוט, רחמנא לצלן, וואָס טרייבט זיי צו אַלע אויסטערלישקייטן... נאָר כדי אַפּנים אומבאַדינגט צו שאַפן אַ טראַגעדיע, פאַסירט די גרעסטע אויסטערלישקייט...

די איינציקע פרוי צווישן די מאַרכביינער, די מוטער — אַ זיבּ־דיקע פאַרפירערישע לילית — פאַרפירט אַ פאַרבלאָנדזשעטן צדיק; איז פון אָט דעם „צדיק״, ווערט עס געבוירן דער „פלעק״ אין דער משפחה — דער „קראַנקער מאַרכביין״. (אַלע איבעריקע זענען געזונט אײַזן...) און דאָ שאַפט זיך שוין אַ סיטואַציע, אַז דעם קראַנקען מאַרכביינס גבורה ליגט ניט מער ווי ביי די איבעריקע אין זיין פיזישן געשטאַלט, נאָר אין זיין גייסט... אין זיין געירשענטער הייליקייט פון זיין טאַטן, דעם צדיק... איז אָט כדי צו באַווייזן דעם קאַמף, וואָס שפילט זיך אָפּ צווישן די איבעריקע מאַרכביינער מיט זייער פיזישער גבורה, קעגן זייער „גייסטיקן״ ברודער — האָט עס בימקאָ גייטיק געהאַט אַנצובריינען אַזוי פיל אומוואַרשיינלעכקייטן.

...הערט מען זיך צו צו אַלע לאַנגע און קורצע טיראַדעס פון די אַלע נעמען אין דער טראַגעדיע, מען וויל אַלץ דערגיין דעם סוד פון דער יצירה... נאָר אָט איז מען שוין ברוך השם איבערגעקומען דעם שווערן, פיינלעכן וועג, שוין אַלץ אַנגעהערט זיך, אָבער דער „סוד״ בלייבט אַלץ פאַרהוילן...

קליינע טעג

א

...אַרויסגעפּלאָנטערט זיך ווי עס איז אויף דער ליכטיקער שיין פון צווישן די „מאַרכביינער", ווערט דער וועג ווידעראַמאָל לייכטער און באַקוועמער אויף אים צו גיין. נייע סאָרטן פּירות באַווייזן זיך אין בימקאָס דראַמאַטישן גאָרטן, וואָס באַווייזן אַז ניט אומעטום האָט געפעלט דעם גערטנערס האַנט...

„קליינע טעג" געהער אויך צום ציקל „טראַגעדיעס" פון בימקאָס געקליבענע דראַמעס. נאָר וואָסער פאַרגלייך מיט די מאַרכביינער! דאָ האָבן מיר ווייניקסטנס צו טאָן ניט מיט קיין „סימבאָלן" נאָר מיט אַ מענטשלעך לשון. אמת, ניט אַזאַ געשליפן לשון ווי אין בימקאָס גרויסע קינסטלערישע ווערק, אָבער פאָרט אַ פאַרשטענדלעך לשון. מען פאַרשטייט, וואָס יעדער וויל און די „העלדן" ווייסן, על כל פנים, וואָס זיי ווילן. ניט מער — קיין טראַגעדיע אין פולן זינען פון באַגריף איז עס פאָרט ניט. פאַראַן בלויז אַ ניצוץ פון טראַגיזם צווישן די מענטשן. די אַקציע אָבער איז אַ שוואַכע. זי וואַקסט ניט אַרויס פון די געשעענישן, די שטייגערונג איז אַ געפּענטעטע און — דער עיקר — עס רייסט ניט מיט. עס איבערצייגט ניט. ס'איז מער סכעמע ווי לעבן, ווי טראַגישע ווירקלעכקייט דערצו...

די טראַגיק ליגט דאָ דער עיקר אין דעם, וואָס די סביבה, אין וועלכע זי שפּילט זיך אָפּ, איז אַ קראַנקע. פאַרלעך ליבן זיך קעגנזייטיק, אָבער זייערע אָרגאַניזמען זענען צעפרעסן פון געפערלעכע אומהיילבאַרע קראַנקייטן. זיי טאָרן ניט חתונה האָבן און — גייען דאָך עס טאָן, ווייל זיי ווילן זיך אומברענגען, צואיילן דעם טויט, אָבי בלייבן געטריי זייער וואָרט, און בכלל — די דאָזיקע פאַרמשפּטע

מענטשן, קאָנען זיך ניט אָפּזאָגן פון אַ טיף אינערלעך געפיל, אָדער פון זייער מענטשלעכן רעכט צו געניסן פון ליבע...

ווי מען זעט — זענען עס קאָנפליקטן פול מיט טראַגיזם, וואָס, ווי ניט ביי זיי זאָלן ניט זיין, זענען זיי דאָך מאַטעריאַל פאַר דראַמאַ־טורגיע. ניט מער... עס פעלט אין בימקאָס רעאַליזירונג, מער שוואונג, וואָס זאָל די זאַך דערהייבן צו אַווירקלעכע טראַגעדיע.

דאָס באַשטעטיקט ווידעראַמאָל די טעזע, אַז אויף דער פלאַך פון ריינע דראַמאַטישע קאָנפליקטן, איז בימקאָ שטאַרקער ווי דאָ, וואו ער וויל זיך דערהייבן צו דער טראַגיק. די דראַמאַטישע קאָנפליקטן אין מענטשלעכע נשמות און זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען, זענען אים נענטער, פאַרשטענדלעכער, האַרציקער, און דערפאַר אויך עכטער, נאַטירלעכער, ווי די פסעדאָ־טראַגישע סוזשעטן.

אַמעריקע גנב

א

פּאַר אונדזער „צער", שטייט אונדז פּאַר אַ סך נחת, ווי נאָר מיר קומען אַרויס פון בימקאַס טראַגעדיעס און מיר טרעטן אַריבער די שוועל פון זיינע קאָמעדיעס.

אויך דאָס געביט פון טעאַטראַלן שאַפן איז בימקאַן ניט פרעמד, און אויך דאָ האָט ער באַוויזן, אַז ער איז מער ביי זיך אין דער היים, ווי אין די פרעמדע, קאַלטע, אַנגעבלאָזענע טראַגעדיעס.

אַמעריקע גנב — די גרויסע פיר־אַקטיקע קאָמעדיע, איז אין קינסטלערישער פּאַטענץ אפילו ניט אַזוי גאַנץ און הומאָר־פול ווי אין דעם איין אַקטער „קוידערוועלט"; זי פאַרמאָגט אָבער באַדייטנדיקע עלעמענטן פון הומאָר אפילו ווען געוויסע אַספּעקטן וואָס בילדן דעם קווינט־עסענץ פון דער קאָמעדיע, זענען אַ ביסל שאַרזשירט. קאָמעדיע בלייבט קאָמעדיע.

דער צונויפגעפּלאָנטער פונעם „פעטער" מיט דער „מומען", וואָס זוכן זיך אַריבערצופּעקלען קיין אַמעריקע מיט זייערע „מיידלעך" און יונגען; דאָס פאַרשטעלן זיך פונעם שייגעץ פּאַר אַ גלח און דעם יונג — פּאַר אַ רבי, מיטן ציל אָפּצונאַרן די אימיגראַציע־מאַכט אין אַמעריקע, מעגן זיך זיין שאַרזשירט — קאָמעדיע־אַרטיק איז עס פּאַרט. די סצענעס זענען אָנגעלאָדן מיט אַזוי פיל הומאָר, אַז עס ווערט איבעריק צו זוכן הוילע לאָגיק אין די געשעענישן.

אַ חוץ דעם איז דער גאַנצער אינהאַלט פון דער קאָמעדיע געבויט אויף אַ באַשטימטן צייטלעכן עלעמענט, וואָס וואַרצלט אין אַ ווירקלעכן שטייגער פון געשעענישן, אויפן פאָן פון אַ באַשטימטן צייט־אָפּשניט אין אונדזער לעבן פון אונדזער ניט ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

געווען אַ צייט, באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה, ווען דער עמי־גראַציע־שטראָם פון פוילן האָט זיך אַ קער געטאָן קיין אַמעריקע. ס'האָט אָנגענומען אַזאַ פּראָפּאָרץ, אַז אַמעריקע האָט איינגעפירט די אימיגראַציע־באַגרענעצונגען און ס'איז איינגעפירט געוואָרן די באַרימטע „קוואָטע" פאַר יעדן לאַנד.

דעמאָלט האָבן מענטשן, וואָס האָבן דווקא געזוכט צו עמיגרירן, אָנגעווענדט כלערליי מיטלען אויף „אַרומצוגיין" די „קוואָטע"־באַגרענעצונגען און געפינען מיטלען ווי צו עמיגרירן.

אויף אָט דעם פּאָן האָט בימקאָ געבויט זיין גאַנצע קאָמעדיע „אַמעריקע גנב".

דורכפירנדיק אַ גאַנצע גאַלעריע לעבעדיקע טיפּן, פאַרשוינען, קאָמישע געשטאַלטן און אַלערליי קאָמעדיע־אַרטיקע סיטואַציעס, האָט בימקאָ גלייכצייטיק פאַרפּיקסירט אַ שלל מיט צייטלעכע פאַקטן, קוריאָזן און פּאַסירונגען.

ב

דער אַקס פון דער קאָמעדיע דרייט זיך אַרום „פּעטער" מיט דער „מומע", וואָס באַשליסן זיך אַריבערצופּעקלען קיין אַמעריקע מיטן גאַנצן קלאָפּערגעצייג: מיט די יונגען און די צוויי „מיידלעך", כדי דאָרט, אויף יענער זייט ים, ווידער אויפצושטעלן די „פּרנסה".

אַ חוץ דעם יונג מיטן שייגעץ, וואָס דרייען זיך אַרום די „מיידן" און מוזן צוליב דעם מיטגענומען ווערן, איז אויך פאַראַן אַ בטלנישער בחור, וואָס פאָרט צום טאַטן קיין אַמעריקע. ער קען אָבער ניט פאָרן, סיידן ער וועט חתונה האָבן מיט אַן אַמעריקאַנער מויד. מוז מען אים קעגן זיין ווילן צונויפפאָרן מיט איינער פון די „מיידלעך", וואָס האָט שוין אַ מאָל „געאַרבעט" אין אַמעריקע... פאַראַן אויך אַ נעבעכדיק ווייבל, וואָס פאָרט צו איר מאַן. דער יונג מיטן שייגעץ פאַרשטעלן זיך אַלס „גלח" און „רבי", כדי אויסצומיידן די קוואָטע. אָבער די „מויד", וואָס פראַוועט אַ פיקטיווע חתונה מיטן לערנער, קלייבט זיך גאָרניט שפּעטער, ביים אַריבערקומען אין אַמעריקע, אים פריי־

צולאַזן. דערווייל קייטלען זיך קאָמישע סצענעס און פּאַסירונגען. פאַראַן אַ שלל מיט קאָמיזם, וואָס אַ רעזשיסאָר קאָן גלענצנדיק אויס־נוצן.

ווי אין יעדן עכטן קאָמיזם, איז אויך דאָ פאַראַן דער טראַגישער אונטערגרונט פון דער סיטואַציע.

ס׳איז באַקאַנט, אַז כדי צו באַקומען די נייטיקע וויזע פון אַמע־ריקאַנער קאָנסולאַט, האָט יעדער קאַנדידאַט געמוזט דורכגיין ביים קאָנסול אַ מין אינטעליגענץ פאַרהער. מען האָט יעדן עמיגראַנט באַ־זונדער געשטעלט געוויסע פראַגעס, פון וועמעס ענטפער ס׳איז, אין די מערסטע פאַלן, אָפּהענגיק געווען זיין גורל. די ענטפערט האָבן געדאַרפט באַשטעטיקן די אינטעליגענץ פון יעדן איינעם, וואָס דאַרף זוכה זיין צו באַטרעטן דעם אַמעריקאַנער באָדן... אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אַז געשטעלט האָט מען ס׳רוב אַזעלכע ווילדע, אומזיניקע קלאָץ־קשיות, וואָס האָבן פשוט באַוויזן מער ווילקיר מצד דעם אַמע־ריקאַנער באַאַמטן, ווי אינטעליגענץ...

אַט דעם כאַראַקטעריסטישן פּרט האָט בימקאָ געלונגען אַריינ־געפלאַכטן אין זיין קאָמעדיע.

ב

ביים ראַנד פון בימקאָס קאָמעדיע „אַמעריקע גנב“, אין הינטערגרונט פון די קאָמישע סיטואַציעס, וואָס קייטלען זיך דאָרט צווישן אַלע פאַרשוינען, וואָס ווענדן אַן אַלע כשרע און ניט כשרע מיטלען זיך אַהין אַריבערצוקריגן — ליגט אַ נייע, ערנסטע באַטראַכטונג איבער דעם פּראָבלעם אַמעריקע אין אַמאָליקן און היינ־טיקן יידישן לעבן. אין דער מענטאַליטעט, וואָס האָט געהערשט צווישן יידישע פאָלקס־מאַסן אין דער אַלטער וועלט, צום נייעם אויפ־געקומענעם גביר — אַמעריקע גנב...

אַמאָליקע צייטן, ביים אָנהייב און אויסברייטערן זיך פון יידישער אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע, איז די יידישע פאָלקס־מענטאַליטעט געווען קעגן דעם דאָזיקן „אויסטערלישן“ לאַנד, איבערן ים...

קיין אַמעריקע איז מען אין יענע יאָרן ניט געפאָרן נאָר — אַנט־לאָפן. מען איז אַנטלאָפן פון ווייב, פונעם פּריזיוו, פון... גנבות, שווינדל, פון קאַטאָרגע... ס'האָט געהייסן, אַז אַהין פאָרן נאָר צווייפל־האַפטע עלעמענטן. האָט מען זיך טאַקע אין יידישע פאַמיליעס גע־שעמט מיט „אַמעריקע גנב". האָבן עמיצן אין אַמעריקע איז געווען ניט פון גרעסערן „יחוס", ווי האָבן עמיצן ביי „פאַניען". שפּעטער איז מען שוין געפאָרן קיין אַמעריקע ניט חלילה דאָרט צו לעבן, זיך איינאָרדענען און פאַרבלייבן, נאָר פּשוט ווייל דאָרט איז פאָרט אַ לאַנד וואו מען „מאַכט געלט". ווער מען שוין אָפּזיין אַ שטיקל צייט, „מאַכן די „אַפּותיקאָ" און צוריק קומען לעבן גרינגער אין דער אַל־טער היים...

און נאָך אַלעם, האָט מען אין דער אַלטער היים ניט געהאָט קיין גוטע באַציאונג און ניט קיין צוטרוי צו די וואָס האָבן זיך געלאָזט „אַהין, מאַכן געלט". מען האָט זיך באַצויגן מיט ביטול צו די פּרנסה־קוואַלן אין אַמעריקע. ווער ווייס, וואָסערע טונקעלע געשעפטן מען מוז דאָרט פירן, כדי צו מאַכן געלט... דערצו איז עס נאָך אַ לאַנד, וואו קיין יידישקייט הערשט ניט. אַלץ איז דאָרטן טריפה און — מען אַרבעט אום שבת...

אַזעלכע איינשטעלונגען האָבן לאַנגע צייטן געגילט אין יידישן לעבן, בפרט צווישן די קליינשטעטלדיקע אָפּגעשטאַנענע פאָלקס־שיכטן. דאָרט האָט מען קיין באַגריף ניט געהאַט פון די וויכטיקע לעבנס־פּראָצעסן אויף יענער זייט ים. מען האָט ניט באַנומען דעם געוואַלדיקן כוח, וואָס גייט אויף אין דער נייער וועלט, וועגן אַ לעבן, וואָס ווערט געשטאַלטיקט אויף נייע יסודות, פון אַרבעט און איניציי־אַטיוו, אַ לעבן מער וועלטלעך, קאָסמאָפּאָליטיש, און מיט אַ נייעם לעבנס־שטייגער.

ד

אויב דער איבערברוך האָט אין דער באַציאונג פון דער אַלטער יידישער וועלט צו דער נייער, זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער מלחמה, אַלס פּועל יוצא פון אַ טיפן איבערברוך אין יידישן לעבן גופא,

דורך סאָציאַל־עקאָנאָמישע צעטרייסלונגען און פּאָליטישע איינשטעלונגען — האָט די וועלט מלחמה מיט אירע קאָנסעקווענצן, נאָכמער שאַרפער אַוועקגעשטעלט דאָס פּראָבלעם אַמעריקע. אויפן פּאָן פון דער חרובער יידישער עקזיסטענץ אין די מזרח־לענדער, איז אַמעריקע — דאָס „אַמעריקע גנב“ — איצט אויסגעוואַקסן צו אַ שטרעבונג, צו אַ ליכטיקן ציל און אַ רעטונג־גאַרטל פאַר מיליאָניקע יידישע פאָלקס־מאַסן. די גרויסע מאַטעריעלע הילף, וואָס אַמעריקע האָט יאָרן לאַנג צוגעטראָגן דער חרובער אייראָפּע, דעם חרובען יידישן לעבן, — האָט אויך געהאַט אַ קאָלאָסאַלע מאָראַלע באַדייטונג פאַר די מיליאָניקע מאַסן. אַמעריקע איז איצט געוואָרן „כשר“ ביי די פרומסטע יידן און כלי־קודש. מאַסן פון אַט די שיכטן האָבן אויסגענוצט זייער פּריוויילעגירטע לאַגע, צו קענען פאַרן אויסער דער „קוואָטע“, און האָבן זיך אַריבערגעפּעקלט אין „גאָלדענעם לאַנד“ ניט נאָר כדי אַליין צו זיין באַזאָרגט מיט פּרנסה, נאָר אויך, כדי צו פלאַנצן „יידישקייט“ אויפן האַרטן אַמעריקאַנער באָדן...

אַט די דאָזיקע אַספּעקטן פון דער יידישער ווירקלעכקייט נאָך דער וועלט־מלחמה, האָט בימקאָ אויסגענוצט אין זיין קאָמעדיע, און דערפאַר באַקומט זי ווידעראָמאָל, ווי זיינע אַנדערע צייט און שטייגער־דראַמעס, אַ קולטור־געשיכטלעכן ווערט. די עקאָנאָמישע געזעצן פון לעבן, ווייזן זיך זייער אָפט אַרויס פאַר שטאַרקער, ווי אַלטע עטישמאָראַלישע איינשטעלונגען פון אַ באַשטימטן לעבנס־שטייגער.

אַזוי האָבן מיר געזען ביי בימקאָ אין אַ סך פון זיינע צייט־דראַמעס, און אַזוי אין זיינע קאָמעדיעס: טיפע פאַרשטענדעניש פאַרן צייטלעכן, וואָס דאַרף אָפּגעראַטעוועט ווערן פון פאַרגעסנקייט, אין די שטורמישע און זיך בייטנדיקע צייטן, וואָס מיר לעבן איבער זינט אַ גאַנצער גענעראַציע.

בימקאָס איינאַקטערס

א

איך האָב באַזונדער אויסגעטיילט בימקאָס אַלע איינאַקטערס, וואָס זענען צעוואָרפן איבער אַלע זיבן בענדער פון זיינע דראַמעס, ווייל פונקט ווי זיינע גרויסע שאַפונגען, טיילן זיך אויך די קליינע אויף גוטע און שלעכטע, אויף אַזעלכע וואָס פינקלען מיט דער פילפאַרביקייט פון בימקאָס דראַמאַטישן טאַלאַנט און אַזעלכע — וואָס וואָלטן באַדאַרפט זיך באַקענען מיטן אויפמערקזאַמען גערטנער...

אויב, למשל, „אַמעריקע גנב" איז פון בימקאָס לייכטע קאָמעדיעס, וואָס האָבן אין זיך לעבן און רעאַליטעט, צוליב וועלכן מען קען פאַרזען די קינסטלערישע שוואַכקייטן אירע — איז אָבער אַזאַ „קאָמעדיע" ווי „דר' פליעז", אַ סך מער ווי אַ לייכטע קאָמעדיע; זי איז שוין „צו לייכט" און גרענעצט זיך מיטן ניוואָ פון אַ באַשטימטן טעאַטראַלן זשאַנר אין יידישן טעאַטער... עס איז אַ שפּאַס איבער דעם ווייבערישן געיעג נאָך דאָקטוירים, וואָס קורירן זיך ניט זייענדיק קראַנק. אַ סוזשעט ניט קיין שלעכטער פאַר טעאַטראַלער קאָמעדיע, אָבער... בימקאָ האָט דעם סוזשעט ניט שאַרזשירט נאָר פשוט וואולגאַריזירט. עס שאַקירט און פאַרדריסט, פאַרוואָס אַזאַ „שאַפונג" זאָל אַריין אין געקליבענע ווערק... ניט נאָר די באַאַרבייטונג איז ניט אין בימקאָס גייסט, נאָר די שפּראַך איז ניט ענלעך צו די באַקאַנטע בימקאָס טעאַטער זאַכן. בלייבט טאַקע דער פאַרדרוס.

ב

ניט פון קיין סך בעסערער קוואַליטעט, איז די צוויי־אַקטיקע קאָמעדיע: „די מאַמעס זונדעלע”. אַ פאַרס, אין וועלכן מען באַקענט זיך מיט אַ פאָטער וואָס האָבנדיק שוין צוויי טעכטער, וויל בשום אופן ניט, אַז זיין ווייב זאָל אים מהנה זיין מיט אַ דריטער. פון גרויס שרעק פאַרן מאַן, באַשליסט דאָס ווייב אָפּצונאַרן דעם מאַן און אים איינשמועסן, אַז דאָס געבוירענע מיידל איז גאָר אַ ייִנגל... ביז בר־מצוה נאַרט מען דעם טאַטן. דאָס מיידל גייט אָנגעטאָן ווי אַ ייִנגל, האָט אַ ייִנגלישן נאָמען: משה יאָסל און לערנט אין חדר... צום טאָטן יאָוועט זיך אַ רייכער ברודער, וואָס האָט זיך אָנגעהערט נסים ונפלאות פון זיין ברודערס זונדל. מען וויל דעם רייכן ברודער פאַרדרייען דעם קאָפּ און חתונה מאַכן זיינע צוויי זין פאַר יענעם ברודערס צוויי טעכטער. דאָס מיידל־ייִנגל שפּילט ממזריש איר ייִנגלישע ראָלע, נאָר צום סוף מוז זיך דער אמת אויפדעקן ווי בוימאייל אויפן וואַסער, און — ווי עס פירט זיך אין ייִדישן טעאַטער — דאָס „ייִנגל” ווערט צוריק מיידל...

אויב בימקאָ האָט געוואָלט אויך מהנה זיין אַ באַשטימטן זשאַנר פון ייִדישן טעאַטער — האָט ער זיין ציל דערגרייכט, כאָטש ביי דער גאַנצער וואולגאַריזאַציע און ביליקייט פון די עפעקטן, איז די קאָמעדיע דאָך אַ ביסל סצעניש נענטער צו דער טעאַטראַלער קאָמעדיע. אָבער — נאָך אַלץ ניט קיין קאָמעדיע.

ג

מען גייט פאַרביי מיט עטלעכע ווערטער דעם איינאַקטער: „אין דער ריי”, וואו בימקאָ איז שוין גאַרניט קאַרג אויף קיין ווערטער. דעם הונגעריקן לאָזט ער האַלטן לאַנגע מאָנאָלאָגן, פון וועלכע עס ווערן אַלץ ניט קלאָר די סיבות פון זיין געפינען זיך צווישן דער מחנה הונגעריקע... ווייזט אויס, אַז דער הונגעריקער איז פרייוויליק אַוועק פון זיין רייכער היים, נאָר פאַרוואָס — ווייס מען

ניט. סיידן — צוליבן בלויזן פאַרגעניגן פון... פייניקן זיך דורך הונגער, כדי צו קענען האַלטן לאַנגע טיראַדעס...

ד

דערנאָך בלייבט מען אַ קורצע ווײַלע שטיין ביים „זינ־דיקן" ווי סימבאַליסטיק מישט זיך מיט רעאַליטעט. די פאַנטאַזיע איז דאָ ניט שלעכט און דער געדאַנק — הגם ניט נײַ — אינטערעסאַנט.

עס גייט אָן אַ קאַמף צווישן „זינדיקן" מיטן רבין. דער רבי האָט דעם זינדיקן פאַרשאָלטן, נאָר יענער קעמפט קעגן רבין מיט מיסטישע כוחות, כדי צו צווינגען דעם רבין מבטל צו מאַכן די קללה. דער זיגער בלייבט טאַקע דער זינדיקער. די טומאה איז שטאַרקער פון דער קדושה... און כדי צו ראַטעווען די טאָכטער, וואָס געפינט זיך אין רשות פונעם זינדיקן, מוז דער רבי נאָכגעבן... ביים רבין איז שטאַרקער דאָס געפיל פון מענטשלעכן, דאָס ראַטעווען זיין טאָכ־טער, אײדער די הייליקייט פון דער אַבסטראַקציע...

אַ שפּיל איז עס ניט קיין שלעכטע און די פאָרם און שפּראַך — אַ ריינע, אַ מער געלייטערטע ווי אין די פריערדיקע איינאַקטערס.

ה

טאַקטיש און פיין איז בימקאָ אויך אין דער קורצינקער סצענע: „אויף דער פּוקעטע", וואָס איז מער מאָנאָלאָג ווי סצענע. מיר הערן אויס, וואָס עס האָט אונדז צו זאָגן און אויף וואָס עס האָט זיך צו באַקלאָגן, אַ יונגע גאַסן מיידל, וואָס אַקטואירט אַרום אַ קאַ־זאַרמע. מיט איר גאַנצער יונגער פרישקייט, איז זי גרייט זיך אָפּ־צוגעבן יעדן נפש, וואָס זאָל גרייט זיין איר „ליבע" צו קויפן. זי איז אַזוי יונג — דערציילט אונדז בימקאָ — אַז ווען זי באָדט זיך אָפּ, קריכט אַרויס פון וואַסער, רינט ביי איר די יונגקייט פון די שפּיצן פינגער אַראָפּ און דאָס לייב שמעקט ווי אַ ביימעלע נאָך אַ רעגן, ווען עס ווערט איינגענעצט... אַזוי מענטשלעך זיך באַציען צו אַ „מיידל",

איז שוין אַ הומאַניטאַרער אַקט און פאַרשטענדעניש. אָבער די דאָזיקע קורצע סצענקע פון געזעלשאַפטלעכע זיטן איז אַזאַ שטיק ברוטאַלע לעבנס־רעאַליטעט, אַז בימקאָ דערפילט זיך מיטאַמאָל אין זיין אייגע־נער הויט...

„אויף דער פוקעטע" פאַרמאָגט אַ שטאַרקן טעאַטראַלן דינאַמיזם, געהאַלטן אויף אַ ליטעראַריש קינסטלערישן ניוואָ. אַזאַ קרעפטיקע סצענקע גיט צו בימקאָס שאַפן מער וואָגיקייט, ווי אַנדערע מער צעבלאָזענע „קאָמעדיעס"...

ו

אַז קורצע סצענקעס גיבן זיך בימקאָן אָפּטער איין, באַווייזט אַ צווייטע סצענקע: „משה דרייקאָפּ", באַאַרבעט פון אַ מאָנאָלאָג מיטן זעלבן נאָמען.

דאָ האָבן מיר אַ ייד אַ קבצן, אַ שטיק מנחם מענדל, וואָס אַרבעט מעשים ביים דורכפירן אַ שטיקל מעקלעריי צווישן אַ פּריץ מיט אַ גביר. זי איז אַ סך באַווירקט פון שלום עליכמען, די דאָזיקע סצענע, איז פול מיט לעבן און קינסטלערישן אָטעם, און די שלום עליכמשע השפעה אַקלימאַטיזירט זיך מיטן איינגעבוירענעם הומאָר פון בימקאָן.

ז

און אַז בימקאָ פאַרמאָגט הומאָר און סאַטירע, זאָגט עדות דער מאָנאָלאָג: „סאָסייעטיס", וואָס לאַכט אָפּ איבערן כאַראַקטער פון די שטעטלדיקע לאַנדסמאַנשאַפטן־פאַריינען אין אַמעריקע.

אין די דאָזיקע „סאָסייעטיס" האָט דער „מעמבער" אַן אַנזען, אויף וויפל מ'קען פון אים אַרויסציען די פּאָר גראָשן. הערט ער אָבער אויף צו קענען צאָלן אין פאַל פון אַ קראַנקהייט, און ער נייטיקט זיך אַליין אין שטיצע פון דער „סאָסייעטי", איז ניטאָ אים וואָס מקנא צו זיין. דער „מעמבער" האָט אויך דאָס רעכט באַגראָבן צו ווערן אויפן חשבון פון זיין „סאָסייעטי, אָבער נאָר אין דעם פאַל, ווען

ער האָט ניט פאַרפעלט צו צאָלן זיין גאַנצן לעבן... ס'רוב אָבער האַלט זעלטן ווער אויס. ביי יעדער געלעגנהייט פון צאָל־שוועריקייטן, ווערט מען אויסגעשלאָסן און ממילא פאַרלירט מען דאָס רעכט באַגראָבן צו ווערן נאָכן טויט אויפן חשבון פון דער סאָסייעטי. אַלע ביז איצטיקע צאָלונגען ווערן אַנולירט...

האָבן מיר שוין אַ שטייגער בילדל פון נייעם לעבן אין נייעם לאַנד. אַ בילד, וואָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר אַלע אימיגראַציע לענדער פון די נייע יידישע ישובים.

די „סאָסייעטי" איז אומעטום מער טויט־אינסטיטוציע, ווי אַ לעבעדיקע געזעלשאַפטלעכקייט.

ח

און ווידעראַמאָל אַ הומאָרפולער איינאַקטער: „יונגען מיט מיידן". ער שטויבט ווידער אָפּ פון פאַרגעסנקייט, אַ ווינקל פון שטייגער לעבן אין יידישן שטעטל אין דער אַלטער היים. דאָרט פלעגט מען זיך צונויפקומען שבת נאָכן טשאָלנט, ערגעץ אין אַ שטוב, וואו מען קען געוויינלעך טרינקען אַ גלאָז טיי און פאַרבייסן מיט אַ קיכל. די באַלעבאָסטע איז גערן צו לייזן אַ פּאָר גראָשן, אַרט איר ניט, וואָס עס קומען זיך צונויף יונגען מיט מיידן און מען כאַפּט אַ אַריין אַ טענצל. דאָס רוב ענדיקט זיך דאָס פלירטן מיט שידוכים צווישן די יונגען מיט די מיידן. פונדעסטוועגן שטערט עס ניט שטעטלדיקע בייזע יידן, וויבערישע צינגער, צו באַרעדן, זיך אַריינצומישן וואו מען קוקט זיי ניט אויס, סקאַנדאַלעווען און שטערן. זיי זוכן „ממזרים", אָט די לייטישע צונגען, קענען ניט פאַרטראָגן די „זינד", און אַז מען מאַכט זיי אויפמערקזאַם, אַז זינד זאָלן זיי זוכן ערגעץ אַנדערש, למשל, ביי שימעלעס שפּרינגערקע, וואָס האָפּסעלט אַרום ביים שרייבער פון קאַנצעלאַריע אויפן שויס — קומט דער היפּאָקריטישער ענטפער:

— דאָס זעט כאָטש קיינער נישט און ס'רייסט נישט אויס די אויגן.

אַזוי פאַרגעדענקט זי זיך טאַקע יעדן פון אונדז, דיווירקלעכקייט אין יידישן שטעטל. בימקאָ האָט גאָר געלונגען פאַרפיקסירט אָט דעם

שטריך אויפן שוועל פון פאַרגיין. אין זיין שפּאַסהאַפטן איינאַקטער, ענדיקט זיך אַלץ ווי ס׳באַדאַרף צו זיין: פון די יונגען מיט מיידן ווערן חתן־כלה און די בייזע מאַמעס, וואָס קומען געוואַלדעווען איבער זייערע טעכטער דערפרייען זיך מיטן גוטן סוף.

ט

אָבער דער סאַמע בעסטער איינאַקטער ביי בימקאָן, איז, זיכער, „קוידערוועלט״. זי איז די לעבעדיקסטע סצעניש און שפּראַכלעך, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס די זאַך גופא פאַרמאָגט ווידעראָמאָל אַן אוצר מיט עכט יידישן לעבנס שטייגער און פיינעם, עכט שלום עליכמשן הומאָר.

די מענטשן דאָ זענען לעבעדיקע, זייערע באַוועגונגען, רעדן און האַנדלונגען זענען טיפּישע. קיין צופיל אַזעלכע סצענישע טיפּן וועט מען ניט געפינען ביי בימקאָן, אויב ער זאָל ניט דאַרפן אָנווענדן דעם אַרסענאַל פון טעאַטראַלער צוגעטראַכטקייט, ביים וועלן אַרויס־ברענגען אַ וועלכן ס׳איז געדאַנק אָדער אַקציע. אין „קוידערוועלט״ איז יעדער טיפּ לעבעדיק און מענטשלעך אויסגעהאַלטן. דער דיאַלאָג — ניט קיין צוגעטראַכטער, נאָר דרינגט אַרויס פון די כאַראַקטערן גופא.

ס׳איז די צעפּאָרנקייט פון אַ פאַמיליע: ביי אַ פּאָר פאָלק, וואָס קריגן זיך אַ לעבן לאַנג און זענען גרייט ביי יעדער געלעגנהייט זיך צו גטן. אַזוי לעבט מען אָפּ, זיך גטנדיק, אַ פערטל־יאָרהונדערט. דאָס טעכטערל מיטן זון, וואָס דאַרפן תמיד געלט און קאָנען עס ביים פאָטער אָן קריגערייען ניט אַרויסבאַקומען — זענען זייער רעליעף געגעבן. דער גאַנצער קאָמיזם פון אַ קבצן מיט רייכע פאַנטאַזיעס, מיט אַנשטעלן, מיט... קורץ, אַן עכטע יידישע קאָמעדיע, אַ גלענצנדיקער סצענישער מאַטעריאַל פאַר דער בינע.

י

דערמיט האָבן מיר אייגנטלעך אויסגעשעפּט דעם ים פון בימקאָס זיבן בענדיקן דראַמאַטישן שאַפן. איז אָבער ניט אויס־

געשעפּט בימקאָ דער דראַמאַטורג אַלס אַזעלכער, ווייל ביי זיין האַלבן יאָרהונדערט לעבן און דריי־צענדליק יאָר שאַפן, איז בימקאָ נאָך ווייט פון צו זיין אויסגעשעפּט אין זיינע קינסטלערישע פּאָטענצן. נאָך בענדער דראַמעס וועלן מסתמא נאָך דער דאָזיקער אַרבעט, ניט לאָזן אויף זיך לאַנג וואַרטן. עס בלייבט נאָר צו האָפן, אַז האַבנ־דיק אין אַמעריקע אין זיך איינגעהיט די אוממיטלבאַרקייט פון זיין שאַפן ווי פון זיין פּערזענלעכקייט, וועט ער ווייטער פאָרזעצן זיין וועג פון די גוטע שאַפונגען, איידער ווידער אַנצוטרעטן אויפן ווילד־גראָז פון שלעכטע מיסטעריעס און טראַגעדיעס.

און איצט לאָמיר נאָך וואַרפן אַ בליק אויף אַ טייל — אַ קליינעם טייל, אַלנפאַלס — פון ב׳מקאָס פּראָזאַאישן שאַפן. צוליבן וואַלד פון די זיבן בענדער דראַמעס, טאָר מען ניט פאַרזען די ביימער אין זיין וועג אַלס נאָוועליסט. אויך אויף דעם געביט האָט אונדז בימקאָ וואָס צו זאָגן. און — פונקט ווי אין די דראַמעס — איז ער ניט איינמאָל מסוגל אונדז צו איבעררעשן.

בימקאָ דער פּראָזאַאיקער

א

איך באַדויער זייער שטאַרק, וואָס אין דער דאָזיקער אַרבעט איבער בימקאָס שאַפן, וועט ניט זיין קיין אויסשעפּנדיקע אָפּשאַצונג אָדער באַטראַכטונג, איבער בימקאָס גאַנצן פּראָזאַאישן שאַפן. אַ חוץ אַ צוויי דריי צופעליקע דערציילונגען אין זשורנאַלן, איז צו מיר דערגאַנגען נאָר איין באַנד פון זיינע דערציילונגען: „טונקעלע געשטאַלטן", אַ קליינער טייל פון זיינע דריי בענדער, וואָס זענען דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1926. ס'איז די צעריסנקייט פון אונדזער יידיש לעבן, פון די ליטעראַרישע פאַרבינדונגען, וואָס האָבן פון מיר אַזוי לאַנג פאַרהוילן בימקאָ דעם פּראָזאַאיקער. און ניט מיין שולד איז עס, אויב די אָפּשאַצונג וועט ניט זיין קיין פולשטענדיקע.

אָבער געזאָגט מוז ווערן: פון דעם ביסל, וואָס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אין דעם איינעם באַנד: „טונקעלע געשטאַלטן", איז פאַר מיר אויפגעגאַנגען דער גאַנצער בימקאָ, מיט דער פולער שיינקייט פון זיין ליריזם און מיט דער קראַפט פון זיין דערציילן. נאָכן האָבן זיך באַקענט מיט זיין דראַמאַטישן כוח, האָט אין דער פּראָזע זיך פאַר מיר באַוויזן אַ נייער בימקאָ, אַ ביז איצט לגמרי אומבאַקאַנטער...

נאָך אַ צוויי צענדליק יאָרן ניט האָבן געלייענט בימקאָן, וועלכער האָט נאָך אַלץ געלעבט אין מיין זכרון פון זיין דערציילונג „די עבירה" און „רעקרוטן" — איז מיר אין די צייטן פון פּאַריזער קולטור־קאָנגרעס, אונטערגעקומען אין דער צייט־שריפט: „יידישע קולטור", זיין קורצע דערציילונג: „אַ ייד אַ בעקער". די דערציילונג איז פאַר מיר געוועזן אַ רעוואָלוציע פון דעם בימקאָ, וואָס איז אויסגעוואַקסן און שטאַרק געוואָרן פאַר די יאָרן לעבן און שאַפן אין אַמעריקע.

פאַר מיר איז אויפגעגאַנגען בימקאַ דער רעאַליסט, אין זיין גאַנצער פאַרוואָרצלטקייט מיטן לעבן, טראַכטן און פילן, דאָס לעבן און מענטאַליטעט פון די פשוטע פאָלקס־טיפּן. דאָס געזונטע האַרע־פּאַשנע לעבן, וואָס ער באַשרייבט מיט אַזאַ קרעפטיקער אוממיטל־באַרקייט, און איז באַזאַלצן מיט דער פרימיטיוויקייט פון דער פאָלקס־שפּראַך:

...די בעקערס, וואָס האָבן געוואָלט קאָנקורירן מיט עוזר בעקער, אַז זיי האָבן געזען ווי ער „זשויבעט" און לייגט זיך אָן פולע קעשענעס מיט געלט, — האָבן געזוכט אַ טויט פאַר אים...

...אַזאַ ייד ווי עוזר בעקער, וואָס איז פאַרהאַרוועט זיין גאַנץ לעבן ביים אויסבאַקן די געשמאַקע בייגל, פון וואָס עס פאַסמאַקעווען זיך אַלע אין שטעטל און מיט וועמען קיין שום בעקער קאָן ניט קאָנ־קורירן, — אַזאַ ייד שטאַרבט ניט מיט קיין משונהדיקן טויט פון מאַטערן זיך מיט כלערליי קראַנקהייטן. ווי אַ דעמב, וועמען אַ דונער ברעכט מיט איינמאָל איין — גיט זיך עוזר בעקער, אַזוי איינמאָל אין אַ פאַרטאָג אַ לייג אין בעט אַריין מיטן טלית אָנגעטאָן און — זיך שוין מער דערפון נישט אויפגעהויבן... אַזוי שטאַרבן בימקאַס פאָלקס־מענטשן, אַזוי פאַרהאַקט זיך מיטאַמאָל בימקאַס דערציילונג, וואָס לאָזט פונדעסטוועגן שוין ניט אַזוי גלייכגילטיק דעם לייענער.

ב

מיר איז ניט באַקאַנט בימקאַס לעבנס־וועג אין זיין אַמעריקאַנער פעריאָד פון שאַפן. אויף וויפל איך פיל בימקאָן, קען איך זיך שאַפן דעם באַגריף, אַז ער מוז זיין באַהאַפטן מיטן מאַסן־לעבן און אַז די אַרבעטער־סביבה איז אים אין אַמעריקע נישט פרעמד. און דערפאַר איז כאַראַקטעריסטיש, אַז בימקאַ, דער אַמאָליקער באַ־האַפטענער מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז אין אַמעריקע ניט באַגייסטערט פון די אַרבעטער גופא... פון די איינציקע צוויי דערציילונגען זיינע פון אַרבעטער־לעבן, וואָס זענען מיר באַקאַנט: „קאַרל מאַרקס" און „ערשטער מאַי", ווייעט עס מיט אומצוטרוי, אויב ניט מיט כעס צום אַרבעטער. אין בימקאַס דערציילונגען, דערשיינט

דער אַרבעטער — וואָרשיינלעך, אַ באַשטימטער שיכט פון דאָזיקן קלאַס — ווייט ניט ווי אַ באַוואוסטזיניקער טייל פון זיין קלאַס...

בימקאָ באַרירט אַנגעווייטיקטע ערטער פון דער אַרבעטער ווירקלעכקייט: סאָלידאַריטעטלאָזיקייט און — גראָבע, גאָרניט קיין פּראָלעטאַרישע זיטן, דאָמינירן אין אַ סך „שעפּער". טאָמער טרעפט אַן אַרבעטער, וואָס קען זיך ניט צופּאַסן צו אַזעלכע פאָרמען פון אַרבעטער־צוזאַמענלעבן, פאַרשרייט מען אים מיט חוזק, אַ חוזק־וואָרט: קאַרל מאַרקס... איז דאָס טרויעריק, ניט ווייניקער ווי די קלאָגנדיקע לאַגע פון אַ געוויסן טייל אַרבעטער, וואָס אויסקוקנדיק אַ טאָג אַרבעט, פאַרשוועכן זיי דעם ערשטן מאַי, גייענדיק שטילערהייט אַרבעטן אין דעם טאָג פון אַלגעמיינעם אַרבעטער יום־טוב.

ניט בלויז דער אַרבעטער ווערט ביי בימקאָן ניט געשוינט, נאָר אויך זיין „יוניע" איז אַזעלכע, ווייל זי איז צופיל באַלעבאַטיש זאַט...

מען קען בימקאָן ניט חושד זיין אין ניט אויפריכטיקייט, ביי זיין נעגאַטיוון צוגאַנג צום אַרבעטער פּראָבלעם. ס'איז אייגנטלעך ניט קיין צוגאַנג, נאָר אַ קאָנסטאַטאַציע פון דערשיינונגען, ווי דער שרייבער באַנעמט זיי און זעט זיי. ס'איז דאָך ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַזאַ רעאַליסט ווי בימקאָ, זאָל אויך ניט האָבן באַגעגנט און באַמערקט דאָס פּאָזיטיווע אין אַרבעטער־לעבן, וואָס איז אומבאַדינגט פאַראַן אין יעדער פּראָלעטאַרישער פּעריפעריע.

ג

בימקאָ איז אַ קינד פון זיין צייט. זיין ליטעראַרישע רייפקייט איז אויפגעגאַנגען אין אַ שווערער קאָשמאַרפולער צייט פון פעלקער־קאַטאַקליזם. די איבערגעלעבטע וועלט־מלחמה האָט זיך איינגעגעסן אין זיינע ביינער. רויבנדיק ביי אים אַ טייל פון זיין יוגנט, האָט די מלחמה לאַנג נאָך געפינען רעזאָנאַנס אין בימקאָס ליטעראַרישן שאַפן. נאָך דער סעריע דראַמעס פון מלחמה־טעמאַטיק, זענען אויך אַ גאַנצע רייע דערציילונגען אין די „טונקעלע געשטאַלטן", וואָס זענען געשריבן געוואָרן אַ סך שפּעטער, אַנגעזאַפּט מיטן שטילן

נאַגנדיקן טרויער פון יענע „צייטן", וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אויף זיינע פאַרשוינען און געשטאַלטן.

בימקאָס דערציילונג: „דער מאַן", קערט זיך אום, אין אַ מיני־אַטור־מאָס, צום פּראָבלעם פון זיין צייט־דראַמע: „ווינטן". אַ שטילע טראַגעדיע אין אַ פאַמיליע, צוליב דעם, וואָס אין די קאַשמאַר־טעג ווערט די יונגע פרוי פאַראומרייניקט פון צעיושעטע סאָלדאַטן. אַ טעמע ניט קיין נייע אפילו פאַר בימקאָן, אָבער זי קומט דאָך אַרויס באַנייט אין דעם פאָרם ווי זי איז רעאַליזירט. דער שטילער, געפּרעס־טער טאָן, דער לירישער אָטעם, דער נאַגנדיקער נשמה־וויי, האָט זיך ביי בימקאָן ערשטן צום ערשטן מאָל געלאָזט צוימען... אַ נייער בימ־קאָ... קיין זכר פון זיין צעכראַשטשטער שפּראַך. בלויז געוויסע ניואַנסן פון זיין לאָקאַל־פּוילישן שפּראַך־אוצר, דערמאָנען, אַז דאָ געוועלטיקט אַלץ בימקאָ... אין אַלגעמיין אָבער זאָגט די דערציי־לונג עדות דערויף, אַז בימקאָ ווערט טאַקע ליטעראַריש געלייטערטער. ער „זעצט זיך אָפּ", לעבט שטופּנווייז אויס אין זיך די סטיכיע פון זיין רויער קראַפט, זיין ברויזנדיקער טעמפּעראַמענט אפילו ווערט רואיקער און געצוימטער, זעצט זיך אָפּ, ווי גוטער אַלטער ווייַן...

ד

בימקאָ האָט אויך די סובטעלקייט אין זיין פּראָזאַאישן שאַפן, פון צופּאַסן זיין שפּראַך און פאַרב צום באַהאַנדלטן סוזשעט, צו דער וועזנטלעכער געשטאַלטונג פון זיינע פאַרשוינען. דעם „געוועזענעם", וואָס פאַרלירט זיינע פיס אין פראַנקרייך און קומט אַהיים צו זיין געזונט ווייב; ווען זיין ווייב קוקט אויף אים אַנדערש ווי אַמאָל, ווען ער איז געווען אַזאַ געזונטער מאַנסביל פאַר איר — באַנוצט בימקאָ ניט די זעלבע צאַרטע שפּראַך ווי אין אַנדערע זיינע דערציי־לונגען, איבער צאַרטע, קאַפּריזנע פרויען־געשטאַלטן.

דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַמעריקאַנער טיפּן פון „מיליע", און בימקאָ באַהאַנדלט זיי ווי זיינע פאַרשוינען פון די „גנבים". ער געדענקט נאָך גוט, בימקאָ, זיינע אַמאָליקע געשטאַלטן. זיי זענען אין רוישיקן אַמעריקע ניט אַנדערש געוואָרן. אפשר האָבן זיי זיך

צוגעפּאַסט צו נייע לעבנס פאָרמען אינעם שווערן קאַמף פאַר עקזיס־טענץ, אָבער זייערע מאַנירן און די שפּראַך האָט זיך קנאַפּ וואָס געענ־דערט. נייטיקט זיך דעריבער ניט בימקאַ זיי צו פאַרשענערן, פאַר־פוצן, ניט מער... פאַר דער צייט, וואָס עס טיילט אָפּ די „גנבים" פון די „טונקעלע געשטאַלטן" אַ קנאַפּ צענדליק יאָר — האָט בימקאַ זיך אַליין יאָ פאַרפיינערט, פאַרטיפט און קינסטלעריש אויסגעוואַקסן.

ה

נאָך אין עטלעכע דערציילונגען, וואָס זענען דורכגע־זאַפּט מיט שטימונג און טיף־מענטשלעכן צער, הערט מען דעם רע־זאָנאַנס פון דער מלחמה. ווי אַ טויבער עכאָ, וויקלט בימקאַ אַרויס פון אַ גאַנצן קנויל צרות, די מגושמדיקע געשטאַלט פון רוסישן סאָלדאַט איוואַן, מיט דער פויערן טאָכטער יולקע. צווי פאַרגרעבטע, פּרימיטיווע פאָלקס־קינדער, וועמען דער גורל פירט צונויף אויף אַ זייטיקן ווינקל פונעם מלחמה־שטורעם. מען הערט ניט מער די מלחמה, נאָר מען פילט דעם צער פון די צוויי מענטשלעכע נפשות, וואָס זענען געבינדן צו איינאַנדער דורך סטיכישע טרייב־כוחות, — נאָר דער אומזעבאַרער גייסט פון צעשטערונג צעשיידט זיי ווידער אויף אייביק דורכן טויט פונעם רייטער, איוואַן.

בימקאַ ברענגט דאָ אַרויס זעלטענע ניואַנסן פון נשמה־ווי ביי צוויי פּרימיטיווע מענטשן. מיר דערפילן זיי און לעבן מיט זיי מיט...

און מיר לעבן אויך מיט דעם צער פון דעם יונג אין דער דער־ציילונג: „פון שרעק", וואָס קומט אַהיים מיט אַ מרה שחורה, וואָס קומט צום אויסדרוק דורך אַ פאַרביסענעם... פאַרביסענעם שווייגן. אַ שווייגן און אַ פינצטערן פּחד פאַר דער פינצטערניש... די עלטערן, ניט פאַרשטייענדיק זיין טראַגעדיע, האָבן מורא מיט זייער זון צו בלייבן אַליין. דער פאָטער, אין זיין עגאָאיזם, וואָלט שוין בעסער געוואָלט זיין זון זאָל ניט האָבן צוריקגעקומען פון דער מלחמה... ווייל סיי־ווי־סיי וועט ער זיך שוין פון זיין מרה שחורה ניט באַ־פרייען... בימקאַ שאַפט די געהעריקע שטימונג אַרום דעם יונג און די פאַרשטענדעניש פאַר זיין טראַגעדיע. דער יונג קען זיך ניט

באַפרייען פון קאַשמאַר, ווייל אים איז אויסגעקומען צו הרגענען מענטשן...

אין בימקאַס „יונג" דערפילן מיר דעם שטומען, פאַרשטיקטן צער פון מיליאָנען „יונגען" איבער גאַר דער וועלט, וואָס זענען צוריקגעקומען פון דער מלחמה צעבראָכענע און דערשלאָגענע מיט טויטקייט אין די נשמות...

און אין „זיין חטא" האָבן מיר ווידעראַמאָל אַזאַ טעמפּן נפש, אַ יונג, וואָס איז אויסגעוואָקסן אויפן שטעטלשן מיסט, נאָך דער מלחמה קנויל פלאָנטערט אים אַריין אין קאַראַהאַד, ער ווערט אַ שטויבעלע אין דער מיליטער־מחנה, פאַרוויקלט זיך אָן באַוואוסטזיין אין אַ פּלאָנ־טער פון וואַנען ער פלאָנטערט זיך שוין קיין לעבעדיקער ניט אַרויס...

די אַלע דערציילונגען לאָזן ניט גלייכגילטיק.

ו

בימקאַס געלייטערטקייט קומט נאָך בולטער צום אויס־אויסדרוק אין דער מערהייט דערציילונגען פון די „טונקעלע גע־שטאַלטן", וואָס האָבן שוין מיטן מלחמה־עכאָ גאַרניט צו טאָן. אין זיי אַלע מיטן אויסנאַם פון דער אַריינפיר־דערציילונג: „דער היי־ליקער", וואו אַ גלח צאַפּלט אין דער נעץ פון ליידנשאַפט, וואָס ברענגט אים אום — דאָמינירט אַ נייער און וויכטיקער עלעמענט פון בימקאַס קינסטלערישער געשטאַלטונג: ליריזם. אַ טיפע שטימונג און קינסט־לערישע שלווה ווייעט פון די אַלע דערציילונגען, וואָס באַווייזן צום ערשטן מאָל אַ נייעם בימקאָ. קיין זכר פון זיין אַמאָליקער צעברויז־קייט ביים באַטראַכטן זיינע פאַרשוינען. עס איבערראַשט פשוט, ווי דער פולבלוטיקער, אימפּעטדיקער פולער בימקאָ, פאַרמאָגט אַזאַ צאַרט־קייט צו אַ מיידל, וואָס לעבט איבער „אַ שווערע נאַכט", ווייל זי גייט חתונה האָבן מיט אַ חתן, וואָס איז איר ניט צום האַרצן... ווי קומט עס, — וואונדערט מען זיך — וואָס הגם אויך דאָ רעזאָנירט אַ מלחמה קרבן, טאַקע אין געשטאַלט פון חתן, וואָס קומט אַהיים אָן אַ פוס, זאָל גאָר בימקאַס גאַנצע סימפּאַטיע זיין צום מיידל?... דערפאַר, וואָס בימקאָ געפעלט איר צאַרטקייט, אירע ליידן? ווי עס זאָל ניט

זיין, איז אַ „שווערע נאַכט" פאַר בימקאָן אַ מוסטער דערציילונג. זיין געמיט איז פאַרטראָגן אין העכערע וועלטן. און ער איז אַזוי פילבאַר צו טיפע מעגטשלעכע נשמה ליידן.

מיט ניט קיין קלענערער סובטיליטעט באַהאַנדלט בימקאָ זיין קאַפריזנע ווייבעלע „די קאַפריזנע", וואָס וויל ניט אַזוי גיך נאָך דער חתונה האָבן אַ קינד, נאָר איר מאַן ווענדט אָן כלערליי כיטרע מיטלען צו ברעכן זיין ווייבלס קאַפריזנע עקשנות. אָך, ווי דער „מגושמדיקער" בימקאָ קאָן, ווי דורך אַ זיידן טיכעלע זיך „צורירן" צו טעמאַטיק, וואָס פאָדערט צאַרטקייט און פיינגעפיל...

ז

פון זעלבן געוועב איז אויסגעהאַפטן די דערציילונג: „די ערשטע צייט". אַ פאַרטיפטע שילדערונג פון אַ יונגע פרוי, וואָס פאַרגייט אין טראָגן גלייך נאָך דער חתונה. זי איז אין קעגנזאַץ צו דער „קאַפריזנער" מיט איר גאַנצער ווייבלעכער מענטאַליטעט פון ווען האָבן אַ קינד. ניט מער, אירע אָנגעשפיצטע חושים, איר שטענ-דיקע נערוועזיטעט, איר איבערגעטריבענער פחד, זיך ניט צו „פאַר-קוקן" און ניט צו האָבן קיין קריפל — זענען סוף־כל־סוף גורם אַ מאַפּלונג...

בכלל לעבט זיך בימקאָ איין אין דער פסיכיק פון אַ געוויסן שיכט פרויען, מיט זייערע שוואַכקייטן און קאַפריזן. די דערציילונג: „לעבן", שילדערט ווידער אַ יונג קאַפריזנע ווייבל, וואָס טרייבט בידים פון זיך אָפּ איר טעמפעראַמענטפולן מאַן, בלויז דערפאַר, ווייל אירע אַ באַ-קאַנטע, אַן עלטערע מויד, האָט איר אָנגערעדט, אַז צופיל נאָכקומען די קאַפּריזן פון אַ מאַן, פטרט אָוועק די פרויענשיינקייט און די שלאַנ-קייט פונעם קערפּער. מילא, לאָזט זיך די שיינע פרוי „איבערצייגן" און — עס שאַפן זיך געשפּאַנטע באַציאונגען צווישן איר מיטן מאַן, וואָס פאַרשטייט גאָרניט אין די „הינטערקוליסן" פון אַ מאָדערנער פרוי. אַ פּראָבלעם, וואָס וואַרצלט אין צייט און אין אַ באַשטימטער לעבנס איינשטעלונג. אין שאַרפע רעליעף־בילדער ברענגט בימקאָ

אַרויס זעלטענע ניואַנסן פון דער פּרויען־פּסיכאָלאָגיע אין אונדזער צייט.

צום ערשטן מאָל אין אַט דער דערציילונג, ליגט אויף בימקאָס שאַפן דער חותם פון אַמעריקע. אין קעגנזאַץ צו די פריערדיקע דער־ציילונגען, וואָס זענען אָפּגעריסן פון צייט און רוים.

אין די אַלע דערציילונגען אָבער, באַהאַנדלט בימקאָ זיינע מענטשן אויף אַן אינדיווידואַליסטישן אופן. ער כאַפּט זיינע פאַרשווינען ווי זיי שטייען און גייען, אָן שום פאַרבינדונג מיט אָרט און סביבה. און אַזוי דרך אגב טוט ער אַ בליק אַריין אין אַ ווינקל פון זייער לעבן, פון זייערע איינשטעלונגען איבער דעם און איבער יענעם לעבנס־פּרט. אָבער די מענטשן, ווי לעבעדיקע געשטאַלטן, בלייבן ווייטער פאַר־טונקלט אין די באַגרענעצטע דלת אמות פון זייער ווינקל. דער חותם פון צייט און אָרט איז זעלטן אויף זיי חל. דאָס נעמט אָבער ניט אַוועק אונדזער אינטערעס צו אָט די טונקעלע געשטאַלטן, ווייל זיי לעבן און ווירקן אונטער דער אויפזיכט פון אַ קינסטלערס אויג, וואָס קוקט אויף זיי מיט אויפמערקזאַמער סובטיליטעט.

ח

...פונדעסטוועגן — צווישן די „טונקעלע געשטאַלטן" באַהאַנדלט בימקאָ מיט רעאַליסטישע מיטלען, סילועטן, וואָס אין עצם ווייכן זיי אָפּ פון דער רעאַליטעט. דער טאַטע, דער גזלן („דער פלעק"), וואָס רויבט אויף די וועגן, שעכט, קוילעט און — פייניקט זיין ווייב, די מוטער פון זיינע צוויי טעכטער, איז עפּעס ניט אין קיין גוטער קאָמפּאַניע צו די איבעריקע, פון לעבן גענומענע סיטואַציעס. און דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל מיר האָבן דאָ צו טאָן ניט מיט קיין יידישן „גזלן", נאָר מיט אַן אמתן גזלן; און אויך ניט דערפאַר, ווייל ס'איז ניט אויסגעשלאָסן ביי אַ גזלן זאָלן אויסוואַקסן געראָטענע קינדער, כשרע מיידלעך, וואָס קענען ניט קיין שידוך טאָן צוליבן טאַטן, דער פלעק — נאָר עפּעס גלייבט זיך ניט די גאַנצע מעשה... זי איז אַ ביסל ליטעראַריש צוגעטראַכט... ניט מער, בימקאָס אויסגעהאַל־טענער שטילער טאָן, זיין לירישער אונטערמעצאַ, שאַפט ביי אונדז

צו אַט דער דערציילונג דעם זעלבן אינטערעס ווי צו אַלע איבעריקע טונקעלע געשטאַלטן.

אויך די סאַמע לעצטע דערציילונג: „די קללה", האַט צו טאָן מיט גזלנים. אַן אַלטער מאַן מיט זיין זון, דער גזלן, און מיט זיין ווייב — לעבן ערגעץ אין אַ העק, אַ „יאַמע" פון אַן אויסגעהאַקטן אור־וואַלד, ווי אין די פרימיטיווסטע צייטן פון די ווילדע — ווען אין די אור־וועלדער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן גזלנים. איבער דער דאָזי־קער „יאַמע" הענגט די קללה, וואָס איז מן הסתם גורם, אַז דעם גזלנס ווייב זאָל קיין לעבעדיקע קינדער ניט געבוירן... בשעת, דער גזלני־שער זון איז געבוירן געוואָרן, — איז זיין מוטער פון דער וועלט געגאַנגען. איצט ליידט דעם זונס ווייב צוליב דער מורא, אַז איבער איר הענגט אַ קללה, וואָס לאָזט איר ניט אויסטראָגן קיין לעבעדיקע קינדער... לסוף, ווען זי טראָגט ענדלעך יאָ אויס און עס ווערט געבוירן אַ לעבעדיק קינד — שטאַרבט גאָר אַוועק ער, דער פאָטער, דער גזלן...

דאָ, נאָך מער ווי אין דער פריערדיקער „גזלנישער" דערציילונג, ווייכט בימקאָ ווייט אָפּ פון זיין רעאַליזם, וואָס דאָמינירט מיטן גאַנצן כוח איבער די „טונקעלע געשטאַלטן". אָבער — איינס איז זיכער: אויך די דאָזיקע „אומרעאַלע" דערציילונגען זענען הימל ווייט אַוועק פון בימקאָס דראַמאַטישע ווערק, וואו דאָס רעאַלע איז פאַרביטן אויפן פאַנטאַסטישן.

פון 1916 ביז 1926 איז אַ ווייטער מהלך...

ט

אין „טונקעלע געשטאַלטן" האָט בימקאָ געגעבן פינף פיינע מוסטערן פון זיין קרעפטיקער אייגנאַרטיקער פּראָזע. ניט איינהייט־לעך אין דער טעמאַטיק, פאַרשיידנאַרטיק אין זיין צוגאַנג און באַ־האַנדלונג פון זיינע סיזשעטן, האָט בימקאָ לעבעדיק געמאַכט אַ רייע געשטאַלטן, וואָס גייען צוליב פאַרשיידענע סיבות, מן הצד פון לעבן, סיי געזעלשאַפטלעכע און סיי פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון — צווינגען זיינע פאַרשוינען זיך צו האַלטן אַן אַ זייט און אויסצולעבן

זיך יעדער אויף זיין שטייגער. בימקאַ האָט איינגעהאַלטן פאַר יעדן פון זיינע פאַרשוינען זיין באַציאונג, די מאָס פון אַ קינסטלער.

פון די „טונקעלע געשטאַלטן" איז מעגלעך זיך צו שאַפן אַ באַגריף, וועגן בימקאָס צושטייער פאַר אונדזער פּראָזע, פּונקט ווי זיין גאַנץ שאַפן — פאַר אונדזער ליטעראַטור.

פּאַריז, אַפּריל 1940